№ 87 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. פּרייז 20 גראָשען Lodzer Tageblatt

לאָדזשער טאָגעבלאַט

21-סטער יאָהרגאַנג | 15 kwietnia 1928 r. | זונטאָג, כ"ה ניסן תרפ"ח | רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: פּיעטריקאַוור 13. טעלעפאָנען: פֿון רעדאַקציע 13, פֿון אַדמיניסטראַציע 47

„ברעמען" האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַן אינזעל,

וואָס איז אָפּגעשלאָסען פֿון דער וועלט מיט אייז-בערג און אייביגע שנייען.

אַמעריקאַנער לופט-שיפען פֿאָהרען אויפֿנעמען די זיגרייכע דײַטשע לופט-פליהער.

מאָנטרעאַל (צייט-פֿאַנדלאַנד) 14 אַפּריל (פּס.) בײַ א שטורמדיג וועטער און געדיכטען שניי האָט זיך די דײַטשע לופט-שיף „ברעמען" אַראָפּגעלאָזט בײַ פּוינט ר'אַמיר נעבן דעם ים-פּאַס בעל איזל. די סטאַנציע אין פּוינט ר'אַמיר האָט תיכף געשיקט ראַדיאָגראַמען די ידיעה איבער דער וועלט, זי האָט זיך אָבער נישט געקאָנט פֿאַרשטענדיגען מיט קיין שום ראַדיאָ-סטאַנציע. ... און ... די פֿליהערס ... [illegible]

... 14 אַפּריל (פּס.) די ... לופט-פליהער ... [illegible]

און ... צו זיין ... דער אינזעל ... [illegible] ... די פּליהערס.

... „ברעמען" האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ... 2000 קילאָמעטער ... פֿון ניו-יאָרק.

די לופט-שיף איז ... 3,200 קילאָמעטער ... די פליהערס ... [illegible]

ניו-יאָרק. ... [illegible] ... ניו-יאָרק.

בערלין. ... [illegible] ... לופט-פליהער.

גענעפענט דעם צוזאַמענפֿאָהר פֿון דער ליגע פֿאַר'ן אַרבייטענדען ארץ-ישראל.

וואַרשאַ (טעלעגראַפֿיש) נעכטען האָט זיך אין טעאַטער „נאָוואָשטשי" געעפֿענט דער צוזאַמענפֿאָהר פֿון דער „ליגע פֿאַר'ן אַרבייטענדען ארץ ישראל". עס זיינען געקומען ... [illegible]

די יודישע לעהרער-קאָנפֿערענץ אין וואַרשאַ.

קאַמף צווישען די יודישיסטען און אַסימילאַטאָרען.

וואַרשאַ (טעלעגראַפֿיש) נעכטען ... [illegible]

היינט שטאָט-ראַט-וואַהלען אין פּאַביאַניץ.

פּאַביאַניץ (טעלעגראַפֿיש) היינט קומען בײַ אונז פֿאָר שטאָט-ראַט וואַהלען. ... [illegible]

דער יודישער ... [illegible]

נייע קאַמפּאַניע אין רוסלאַנד

צו פֿערוואַנדלען שוהלען אין אַרבייטער-קלובען.

מאָסקווא (יט"א) די ... [illegible]

„דער רויטער שטערן".

מאָסקווא (יט"א) ... [illegible]

וויכטיג פֿאַר פֿאַבריקאַנטען און סוחרים!

אויב איהר ווילט שיקען אייערע סחורות קיין וואַרשע צום פֿערקויפֿען, דאַן אַדרעסירט זיך צו דער בעוואוסטער עקספּעדיציאָנס-פֿירמע פֿון

שלמה גאָלדקאָרן פּעטריקאַווער 26

טעלעפֿאָן 16-47.

וואו עס ווערען טעגליך אָנגענומען-לאַדונגען מיט ספּעציעלע באַגאַזשען און שנעלע הילף ... געשטעלט. די סחורות ווערען ... אַסעקורירט.

איך בעזיץ גרויסע לאַגער-רוימען אין וואַרשאַ, נאַלעווקי 13 ...

די לאַגערס זיינען אַסעקורירט פֿון גנבה און פֿייער. רעיעל שנעל און בעקוועם.

מיט אַכטונג

Salomon Goldkorn

Łódź, Piotrkowska 26, tel. 16-47.

Warszawa, Nalewki 13, tel. 209-07.

אַכטונג מיטגלידער

פֿון צענטר, האַנדווערקער-פֿערבאַנד

פּאָלודניאָווא 4.

היינט זונטאָג, פּינקטליך 6 אַ זייגער אין אָווענד קומט פֿאָר אין זאַל פֿון „סאַלאַסעאום" זאַכאָדניע 53

די יעהרליכע

גענעראַל-פֿערזאַמלונג

פֿון צענטראַלען האַנדווערקער-פֿערבאַנד, פּאָלודניאָווא 4.

עס ווערען געבעטען ... די פֿערוואַלטונג.

צו פֿערמיטען

גרויסע און קלענערע פֿאַבריקס-לאָקאַלען אויך שאַפּעס, צו דערפֿאַהרען פּיעטריקאַווער 10. איז עקספּעדיציע ראַזענבוים בײַ גרינגלאַז פֿון 4—5.

„הסתדרות צעירי מזרחי", סיליגסקי 44.

היינט, 7 אָווענד פּינקטליך קומט פֿאָר אַ גרויסע

חברים-פֿערזאַמלונג

ס. ד. ט. די אויפֿגאַבען פֿון די רעליגיעזע נאַציאָנאַלע יוגענד אין יעצטיגען מאָמענט.

רעפֿערירען וועלען די חברים אהרן אסט, יצחק פּילץ, חיים שידלאָווסקי, יצחק דעמבינסקי א. א. אַיינגאַנג פֿריי.

הועד.

Dr. Niewiażski

SIENKIEWICZA 34, tel. 59-40

ספּעציאַל-אַרצט פֿאַר סיפֿיליס, טריפּער און מאַגען-שוואַכע בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען.

נעמט אָן פֿון 9—5 אָוונד.

אויטאָ-שולע פֿון
PRYLIŃSKI
Aleje Jerozolimskie 27
בילדעט אויס שאָפֿערען, מעכאַניקער ...

וויכטיג פֿאַר סוחרים!

אויב איהר פֿאַהרט איינקויפֿען סחורה קיין וואַרשאַ און איהר ווילט זיין גלייכצייטיג עקספּעדירען און יוחאַלטען אין לאָדז אין דער בעסטער אָרדנונג, זאָלט איהר זיך ווענדען נור צו דער בעוואוסטער עקספּעדיציאָנס-פֿירמע פֿון

שלמה גאָלדקאָרן, וואַרשאַ, נאַלעווקי 13

טעלעפֿאָן 209-07

וואו איהר ווערט בעדינט רעעל, שנעל און ביליג. מיט אַכטונג

רעעל, שנעל, און ביליג!

Salomon Goldkorn

ŁÓDŹ, Piotrkowska 26, tel. 16-47.

WARSZAWA, Nalewki 13, tel. 209-07.

קליינהענדלער-פֿעראיין פֿון האָלעס און מערס

אָגראָדאָווא 10.

מיר מאַכען בעקאַנט אונזערע מיטגלידער, דאָס זונטאָג, ד. 29. אַפּריל 4 אַ זייגער נאָכם. צום ערשטען טערמין און 5 אַ זייגער בײַ יעדע צאָהל מיטגלידער קומט פֿאָר אין בערלינער זאַל, זאַכאָדניע 26

די יעהרליכע

גענעראַל-פֿערזאַמלונג

מיט פֿאָלגענדער טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפֿנונג, 2) טעטיגקייטס-בעריכט, 3) קאַסע-בעריכט, 4) וואַהלען פֿון אַ פֿערוואַלטונג און אַ רעוויזיאָנס-קאָמיסיע, 5) פֿרײַע אַנטראַגען.

די פֿערוואַלטונג.

בעמ.: איינטריטס-קאַרטען פֿאַר מיטגלידער, וועלכע האָבען רעגולירט דאָס צאָהלען, ... 1830

אַ פֿאַבריקס-פּאָטעטיע

... 1827

צו פֿערמיטען

אַ לאָקאַל פֿון 8 פֿענסטער ... A. Sz. 1825

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען אין עלטער פֿון 70 יאָהר ... פֿרוי, אונזער ... מוטער, שוויגער-מוטער, גרויס-מוטער און טאַנטע

נ"ע גנענדיל קאַזאַק

(פֿון דערהיים קאַלסקאַ).

די לויה קומט פֿאָר היינט, זונטאָג, כ"ה ניסן (15/IV) פֿון טרויער-הויז פּיעטריקאַווער 83.

וועגען וואָס עס מעלדען מיט אין גרויס צער

די טיפֿגעטרויערטע פֿאַמיליע.

Dr. med. A. Mazur

ספּעציאַל-אַרצט פֿאַר קינדער, נאָז און האַלז-קראַנק. ...

האָט זיך איבערגעצויגען אויף

חסכאַדניאַ 65

טעל. 66-01

נעמט אָן פֿון 11½—12½ און פֿון 3—5 נאָכם.

Dr. med. Markowicz

נעמט אָן פּיעטריקאַווער 124 פֿון 3 ביז 7, טעל. 66-25.

זונטאָג און יום-טוב פֿון 11 ביז 1.

הויט און האָר-קראַנק. ...

צאָהן-אַרצט

Z. BIELAKOWSKA

פֿון וואַרשאַ — נעמט אָן

סיליגסקי 113 (נעהרעס 41) טעל. 48-27

פֿון 10—1½ פֿאַרמ. און פֿון 4—7 אָוונד

... די ווינדאַ איז טעטיג.

Dr. med. M. Heller

ספּעציאַליסט פֿאַר הויט- און וועגעריש-קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע

נאַוואָראַט 2

נעמט אָן ביז 10 פֿריה, פֿון 1—2 און פֿון 4—8 אָווענד.

פֿאַר פֿרויען פֿון 4—5 נאָכם.

Dr. M. Goldfarb

זאַוואַדזקאַ 18. טעלעפֿאָן 51-29.

הויט-, האָר- און געשלעכטס-קראַנקהייטען

נעמט אָן פֿון 9—12 פֿאַרמ. און 5 - 8 אָווענד.

Dr. W. Łagunowski

האַלז, נאָז און אויערן-קראַנקהייטען

גדאַנסקאַ 42

נעמט אָן פֿון 9—10½, פֿון 1—2.45 און פֿון 5—9 אָוונ.

Dr. Wołkowyski

אַנדזשעיאַ 55 (צעגעלניאַנאַ 19) טעל. 37-10

ספּעציאַל-אַרצט פֿאַר הויט און וועגעריש קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע

בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען

נעמט אָן פֿון 1—2 און 4—8, פֿרויען פֿון 4—5

ספּעציעל וואַרטע-צימער.

Dr. Z. Rakowski

ספּעציאַליסט פֿאַר אויערן, נאָז, האַלז און לונגען-קראַנקהייט.

קאָנסטאַנטינער 9, טעלעפֿאָן 37-61.

נעמט אָן פֿון 12—2 און פֿון 5—7.

1826

D-r P. Klinger

ספּעצ.-אַרצט פֿאַר הויט-האָר- און געשלעכטס-קראַנקהייטען הײַלט מיט קוואַרץ-לאַמפּען.

אַנדזשעיאַ 2, טעל. 32-28.

נעמט אָן פֿון 1.30 ביז 2.30 פֿאַר דאַמען. און פֿון 6—8 אָוו. זונטאָג פֿון 10—12 פֿאַרמ.

Dr. Różaner

ספּעציאַליסט פֿאַר הויט-וועגעריש קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע.

בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען און דיאַטערמיע

Dzielna 9 (Narutowicza) טעל. 28-96

פֿון 8—10, 5—8, פֿרויען 3—4.

באַזונדערע וואַרטע-זאַל פֿאַר פֿרויען.

פּלעגט די פֿיס
PEDICURE

S. Łódzki

Traugutta 5 (Krótka), m. 10

טעל. 30-27. נעמט אָן פֿון 11—2 און 4—7 אָוו.

... פֿיס.

איטאליענישער קעניג צוריק אין רוים.

די רוימישע בעפעלקערונג מאכט דעם קעניג בעגייסטערטע אוואציעס.

מ י ל א נ ד. 15 אפריל (אטע) דער קעניג האט געשאנקען 50 טויזענד ליר פאר די פאמיליעס פון די קרבנות אויפן ארפלאץ. היינט נאכמיטאג איז פארגעקומען די לויה פון די אומגעקומענע. אויפן בית עולם זיינען פארגעקומען זעהר רירנדע סצענעס. היינט איז דער פרינץ און דער קעניג צוריקגעקומען קיין רוים. אויפן באהנהויף האט אויף זיי געווארט מוסאליני און די גאנצע רעגירונג. די בעפעלקערונג האט דעם קעניג געמאכט בעגייסטערטע אוואציעס. די גאסען זיינען געווען געפילט מיט פאלקסמאסען, וועלכע האבען בעגריסט דעם קעניג און מוסאליני'ן.

פייערליכע אויפנאהמע פון מיניסטער זאלעסקי ביים איטאליענישען קעניג.

ר ו י ם. 19 אפריל (פאַ.) מוסאליני האט אויפגענומען דעם מיניסטער זאלעסקי אויף א צוויי שעה'דיגער קאנפערענץ. ביידע מלוכה-מענער האבען בעשפראכען פערשידענע פראבלעמען פון אלגעמיין-פאליטישען כאראקטער און האבען פעסטגעשטעלט די איינהייטליכקייט פון די פאליטישע גרונטליניעס פון ביידע לענדער. מיניסטער זאלעסקי האט איבערגעגעבען מוסאליני'ן אין נאמען פון מארשאל פילסודסקי דעם ארדען „קרוש ווירטוטי מיליטארי". מוסאליני האט פאר א צווייטע קאנפערענץ פון ביידע מלוכה-מענער.

היינט איז דער מיניסטער זאלעסקי געווארען אויפגענומען ביים פויפסט.

— דער קעניג וויקטאר עמנואל האט איינגעארדנט א מיטאג לכבוד דעם מיניסטער זאלעסקי.

דאנערשטאג פארט זאלעסקי צוריק קיין פוילען.

וויצע פרעמיער בארטעל ביים סיים-מארשאלעק דאשינסקי

וו א ר ש א (טעלעגראם) די הכנות צו דער נייער סיים-סעסיע זיינען שוין אין פולען גאנג. דעם 20. וועלען פארקומען בעראטונגען פון אלע סיים-קלובען וועגען דער ווייטערדיגער ארבייט און צוזאמענהאנג מיט דער נייער סעסיע האט דער וויצע פרעמיער בארטעל געהאט א וויזיט ביים מארשאלעק דאשינסקי און מיט אים קאנפערירט וועגען דער מעטאדישער ארבייט פון סיים.

4 יודען פער'משפט צום טויט אין סאוויעט-רוסלאנד.

מ א ס ק ו א (יט"א) דא האבען זיך פערענדיגט די געריכטס-פערהאנדלונגען געגען 42 אנגעקלאגטע, די מעהרהייט פון וועלכע זיינען יודען, וואס זיינען בעשולדיגט געווארען אין ספעקולירען מיט מלוכה'שע פראדוקטען פאר פריוואטע צוועקען.

4 יודען זיינען פערמשפט געווארען צום טויט: גשווינדט, קוסין, ראזענבערג און וויינבערג. אלע מיטגלידער פון ראט פון די מאסקווער קרעדיט-קאסעס. די פערמשפט'ע וועלען פון דער אמנעסטיע נישט קענען גענוסען.

„שווארצבארד'ס פראצעס" אין רומעניען קאנפיסקירט געווארען.

ב ו ק א ר ע ש ט (יט"א) לויט א בעפעהל פון דער מאכט איז דורך דער צענזור קאנפיסקירט געווארען א בראשור אין רומעניש, וועלכע האט אפגעגעבען א פראצעס-בעריכט פון די לעצטע פערהאנדלונגען פון שווארצבארד'ס פראצעס. אין דער מעלדונג פון די „רומאנישע ריא" האבען די צענזור-בעאמטע פון דער פרעסע קאנפיסקירט און געשלאסען דאס אונטערנעמען, פאר'עקדיגע ענטשולדיגונגען.

דאס אפהיטען שבת

נישט קיין שטערונג צו בעקימען ארבייטסלאזע שטיצע.

ב ע ר ל י ן (יט"א) דער דייטשער ארבייטס-מיניסטער בראונ'ס, וועלכער איז א פארשטעהער פון צענטרום און פארלאמענט, האט פארעפענטליכט א צירקולאר צו אלע מלוכה'שע ארבייטס-פערמיטלונגס-אמטער, אין וועלכען עס ווערט אנגעוויזען, אז די ארבייטסלאזע יודען, וואס היטען אפ דעם שבת-רוה און האבען נישט קיין בעשעפטיגונג, דארפען נישט פערלירען זייער רעכט צו אונטערשטיצונג פון דער ארבייטסלאזען-פערזיכערונג. די ארבייטס-פערמיטלונגס-אמטער זאלען די יודישע ארבייטער נישט צווינגען צו ארבייטען אום שבת.

וויפיל יודען וואוינען אין די איטאליענישע קאלאניעס?

ק א י ר (יט"א) לויט די לעצטע פאסטישע אינפארמאציעס לעבען אין די 2 איטאליענישע קאלאניעל-געגענטען טריפאליטאניען און צירענאיקא צוזאמען 19,700 יודען. אין טריפאליטאניע, וואס בערעכענט א שטח פון 900.000 קוו. קילאמעטער לעבען אנ'ערך 16.000 יודען, אויף דער אלגעמיינער צאהל בעפעלקערונג פון 570.000 נפשות. אין צירענאיקא לעבען 3.700 יודען אויף דער אלגעמיינער צאהל 198,000 נפשות, וואס בערעכענט א שטח פון אנ'ערך 600.000 קוו.-קילאמעטער. די יודישע בעפעלקערונג איז פערשפרייט אין האנדעל און ווערט ערד-ארבייט און האנדעל און לעבען גרעסטענטייל אין נוים. די ווירטשאפטליכע לאגע איז אין א גרויסער מאס שווער צוליב די גרויסע שטייער-לאסטען, וואס ווערען ארויפגעלעגט אויף דער בעפעלקערונג דורך דער קאלאניאל-מאכט.

גרויסע שאדענס ביי דער יודישער בעפעלקערונג אין מאהילעוו, באריסאוו און מינסק צוליב דער פערפלייצונג.

מ א ס ק ו א (יט"א) דער דניעפר איז ארויס פון די ברעגען און האט פערזאמפט א בעדייטענדען טייל פון יודישען וואוינ-קווארטאל אין מאהילעוו. אין באריסאוו האט צוליב דער פערפלייצונג געמוזט ווערען עוואקואירט א גרויסע צאהל יודען. אזוי ווערען די שאדענס פון דער יודישער בעפעלקערונג צוליב דער פערפלייצונג זיינען זעהר בעדייטענד. אויך אין מינסק האט די יודישע בעפעלקערונג געליטען צוליב דער פערפלייצונג, ווייל עס האט פערזאמפט פיל יודישע הייזער, וואס געפינען זיך אין נידריגערע ערטער פון שטאט.

ארטיסטישער רעזשי אין קאמער-טעאטער
אונטער דער לייטונג מ. בראדערזאן

„אררט"

היינט ווערט נישט געשפילט

מארגען מאנטאג, 1 פארשטעלונג אנהויב 9.15

שנים עשר מי יודע?

1) פסח, 2) מקצעה, 3) קעשלעך, 4) לופט פליתער, 5) זייגערל, 6) מלות מלכה, 7) סאליס אלמקום, 8) ישיבניקעס, 9) נאך דער חופה, 10) חזידישער טאנץ, 11) פאפילאזיאציע, 12) בעקערלעך.

דינסטאג, דעם 17 ד. ח. 2 פארשטעלונגען אין פילהארמאניע (8 און 10.15) לטובת קימפעטארי-קליניק, פילודזקעגא 19.

הנחה-בילעטען אונגילטיג.

די קאסע איז אפען פון 1.30

די גאלדענע פינגערלעך האט ער צוגענומען און... געהייסען מא'גען קומען.

יאקוב קרא פון נייע פאביאניצער 35 זייגערלעך געשענקט און געשלעט און איהם צו זיין בעקאנטע אויף טאג-ארבעסט 10 א גאווענים לימאנאווסקי און געשלאגען אים פארגענגען געלד אויף א משכון. לימאנאווסקי האט דעם משכון 4 פינגערלעך און וועט פון 300 זל. צוגענומען און געהייסען מארגען קומען. צוזאמען מיט דעם חבר, דער נעדך איז געקומען נאכ'ן געלד פאר'ן משכון, האט לימאנאווסקי געלייקענט שטארק, ער האט קיין פינגערלעך נישט בעקומען. פאליציי פערנעמט זיך מיט דעם ענין.

4'000 דאלאר צוגע'גנב'עט ביי א לאדזשער אין קראקא.

ה' אברהם ראדזשינסקי האט די תנאות פערבראכט אין קראקא, וואו ער איז איינגעשטאנען אין האטעל „סאפא". ער האט דארט אוועקגעלעגט זיין באגאזש און איז צוזאמענגעגאנגען. נאך זייער אנקומען, האט ער מיט בעדויערן קאנסטאטירט, אז מען האט ביי איהם ארויסגע'גנב'עט א פארטמאנע מיט א משקל אויף 3950 דאלאר און 30 זל. מזומן.

ווער האט געכאפט די העכערסטע געווינסטן אויף דער לאטעריע?

28-טער טאג פון דער ציהונג

8000 זל. נר' 29958 78495.

2000 זל. נר' 21514 27449 51961 84527.

29-טער טאג פון דער ציהונג

5000 זל. נר' 5284 24234.

8000 זל. נר' 40444.

2000 זל. נר' 14355 62488 54748 63570 69187 119986.

די יודישע פרעסע אין פראנקרייך אויף דער אינטערנאציאנאלער פרעסע-אויסשטעלונג אין קעלן.

פ א ר י ז (יט"א) א דאנק דער אנצייכענונג פון פארשטעהער פון דער יודישער אפטיילונג אויף דער אינטערנאציאנאלער פרעסע אויסשטעלונג אין קעלן ד"ר פאַרענהיימער, וועלכער געפינט זיך אצינד אין פאריז, האט זיך געשאפען א קאמיטעט מיט דער אויפגאבע אנצונעמען מיטלען, אז די יודישע פרעסע וואס ערשיינט אין פראנקרייך און די פראנצויזישע קאלאניעס זאל זיין רעכט רעפרעזענטירט אויף דער אויסשטעלונג.

1000 ארבייטער שטרייקען אין פאביאניץ.

פ א ב י א נ י ץ (טעלעפאניש) געסטערן איז אויסגעבראכען א שטרייק אין 3 פאביאניצער פאבריקען, צווישען זיי אויך אין קינדלער'ס פאבריק, וואו עס ארבייטען ביז 600 ארבייטער. סך הכל שטרייקען ביז 1000 ארבייטער. די ארבייטער פאדערען א לוין הוספה פון 25 פראצ., וואס די פאבריקאנטען ווילען נישט צוגעבען.

200 מיליאן אויף שטאטישע אינסטיטוציעס.

א פלאן פון מאגיסטראט אויף די נאהענטסטע 10 יאהר.

(פ) דער מאגיסטראט האט זיך געווענדעט צום פינאנץ-מיניסטעריום צו בעשטעטיגען די אינוועסטיציע-הלוואות אויף די נאהענטסטע יאהרען. אין ענטפער האט דאס מיניסטעריום פערלאנגט א אינוועסטיציע פלאן פון די הוצאות אויף 10 יאהר, מיט'ן אנגעבען די הכנסה-קוועלען פון וועלכע די הלוואות וועלען קענען געדעקט ווערען.

אויף דער לעצטער זיצונג פון מאגיסטראט איז בעטראכט געווארען א אינוועסטיציע פלאן אויף 10 יאהר אויף א סומע פון 200 מיליאן זל. דערפון זאל געהן 40 מיליאן אויף קאנאליזאציע, 50 מיליאן אויף ווארשאווער אנלאגען, 20 מיליאן אויף 2 שטעטישע שפיטאלען, 10 מיליאן אויף א מארק-האלע, 15 מיליאן אויף געזעלשאפטליכע אויפזיכט, 30 מיליאן אויף שולען. דער פלאן איז בעשטעטיגט געווארען פון מאגיסטראט. די הוצאות זאלען געדעקט ווערען פון רעגירונגס- און אויסלענדישע הלוואות, ווארשאווער-לעהנונג, קאנאליזאציע און נאכאנטיגע וועלען אליין דעקען די הוצאות.

נ. פ. ר. שיקט א דעלעגאציע צו בארטעל'ן מיט טענות געגען מאגיסטראט.

(:) ווי מיר דערוויסען זיך, שיקען די נפ"ר'ישע פראפעסיאנעלע פעראייניגונגען קיין ווארשא א דעלעגאציע צום וויצע-פרעמיער בארטעל און מיניסטער, אונטערצושטיצען א פראטעסט געגען מאגיסטראט ביים אנגעמען ארבייטער אויף עפענטליכע ארבייטען. די דעלעגאציע זאל פאדערן, אז די געלדער, וואס די רעגירונג גיט אויף צו בעשעפטיגען די ארבייטסלאזע זאל צוטיילט ווערען אויף א גרעסערן שפיל, ווי ביז איצט. א גרופע ראטמענער פון דער נפ"ר-פראקציע האט זיך געוואנדעט צום פרעזעס פון שטאט-ראט מיט א בעטע וועגען צונויפרופען א ספעציעלע זיצונג פון שטאט-ראט וועגען דער פראגע פון בעשעפטיגען די ארבייטסלאזע.

140 ארבייטער-הייזלעך וועלען פערטיג ווערען היי-יאהריגען זומער.

(:) דאנערשטאג איז פארגעקומען א זיצונג פון קאמיטעט פון דער געזעלשאפט אויסצובויען ארבייטער-הייזער א. נ. „ארבייטער-דארף". דער קאמיטעט האט בעשלאסען פארלאנגען פון 9 פירמען און זיי איבערגעגעבען א ספעציעלער קאמיסיע צום בעטראכטען, אזוי, אז אין צווייטער ווייטער טערמין זאל מען שוין אנהויבען בויען די פונדאמענטען פון די נייע הייזלעך. אלע בוי-מאטעריאלען זיינען שוין אנגעשאפט און צום ווינטער וועלען פערטיג ווערען 140 הייזלעך מיט 1 און 2 צימערדיגע וואוינונגען.

נאכט-דיזשור אין די אפטייקען.

היינט דיזשורירען פאלגענדע אפטייקען: מ. עפשטיין פעטריקאווער 225, בארטאשעוויטש פעטריקאווער 95, ראזענבלום צגיערסקא 12, גארפינקעל ווסכאדניא 54, קאפעראווסקי נאוואמיעיסקא 15.

פאר דערוויישערן זיך פון דער קאזארמע.

(א) אין מיליטערישען קרייז-געריכט איז געווען בעטראכט געווארען דער פראצעס געגען העברוק קליוואנטיעסט, א זעלנער פון 28. פולק, וואס איז אנגעקלאגט געווארען פאר ארויסגעהן און שלאפען אהן ערלויבעניש. ער איז פערמשפט געווארען אויף 4 חדשים תפיסה.

אפגעלעגט די אזכרה אין פריזירער-צעך.

די יובילעאומס-קאמיסיע ביים פריזירער-צעך מאכט בעקאנט אלע אנדערע מיטגלידער, אז צוליב דער געוועזענער שטעלונג פון דער קהלה-פערוואלטונג צו דעם נאמען דינסט און דער אלכסנדרישער שוהל פאר אונזערע געשטארבענע חברים, ווערט דער נאמען דינסט אפגערופען און די אזכרה וועט נישט פארקומען. צוליב דעם ווערען געבעטען אלע מיטגלידער פונקטליך 1 א זייגער פארט צו קומען אין לאקאל פון אונזער צעך, שעכטעווישע 15 ארומצורעדען דעם ענין.

אויף דער תנאים פון פרל. גיטעל ארדינאנס מיט ה' יצחק שטיינבערג איז דורך דער פרוי עסטע'ס מיט ה' רויטענבאך געזאמעלט געווארען 11 זל. לטובת דעם נאציאנאל-פאנד.

סיסטעמאטישע גנבות אין א פאבריק.

(א) שוין א לענגערע צייט, ווי עס ווערען אויסגעפיהרט געווארען גנבות אין דער פאבריק פון יעקב צוזמאן אויף בושעווישער 50. וועגען די סיסטעמאטישע גנבות פון גארן האט מען געמאלדען פאליציי, וואס האט נאכ'ן דורכפיהרען א אויספארשונג ארעסטירט 2 ארבייטער פון דער פאבריק. די ווייטערע אויספארשונג איז אין גאנג.

גוטע בעלי בית'טעס
בענוצען נאר
פאמידארען
פון דער פאבריק
S. A. Józef Werner,
Cyrański i S-ka
Warszawa, Solec 41
Telef. 3-63, 3-64 i 15-49.
בעסערע פון אויסלענדישע און נישט געפארבטע. פאדערט איבעראל
פערטרעטער
STANISŁAW KUBIAK
Łódź, ul. Przejazd 40, Tel. 7-46.

א „חיים ר' סטרוזש".

יאנינא נאוואק פון יגלייש גאס 22 איז געגאנגען צום סטרוזש בעטען דעם שליסעל פון בוידעם ווען צו הענגען. דער סטרוזש, וואס איז, ווייזט אויס, געווען א קאמפעטישער בעלגלוין, האט אבער די פרוי אזא ארעגומליכען שמוס געטון, אז זי איז געפאלען און צובראכען א האנד. פאליציי האט געמאכט א פראטאקאל.

די בעגריסונגען צום צוזאמענפאהר פון די יודישע קולטור-טוער אין סאוויעט-רוסלאנד.

כ א ר ק א וו (יט"א) דעם צוזאמענפאהר פון די יודישע קולטור-טוער אין סאוויעט-רוסלאנד, אין וועלכען עס בעטייליגען זיך 200 דעלעגאטען פון פערשידענע מלוכות פון סאוויעטען-פערבאנד, האבען בעגריסט פארשטעהער פון צענטראלען אויספיהר-קאמיטעט, פון דער סאוויעטען מאכט, פון דער אלוקראינישער קאמוניסטישער פארטיי, פון דער „יעווסעקציע" און פיל אנדערע ארגאניזאציעס. דער סעקרעטאר פון די „יעווסעקציעס" האט אין זיין בעגריסונגס-רעדע צווישען אנדערען געזאגט: „מיר חלומ'ען נישט וועגען דעם משיח, וועגען וועמען עס חלומ'ען די ציוניסטען. מיר ווילען יודען אוועקשטעלן אויף דער ערד, און מיר פערבינדען די יודישע ארבייטער בעשעפטיגונג מיט די קולטור-פראגען אין פאבריקען, די יודישע פויערים, וואס בעארבייטען די סאוויעטישע פעלדער".

בעראטונגען וועגען בעניי'ען די פויליש-דייטשע האנדעלס-אונטערהאנדלונגען.

ו ו י ע ן, 14 אפריל (א.ט.) די פארשטעהער פון ביידע דעלעגאציעס צו די פויליש-דייטשע אונטערהאנדלונגען ד"ר טארנאווסקי פון ווארשא און ה' העמעריג פון בערלין, געפינען זיך נאך אין ווין. ביידע צדדים דערטראגען זיך מיט דער פראגע וועגען דעם צולאזען נעם יסוד צו די ווייטערדיגע אונטערהאנדלונגען.

די „בערלינער פרעסע" מעלדעט פון בערלין, אז דארט איז מען אויך געווארען אפגעשטעלט געשטיצטע די אונטערהאנדלונגען.

די אנטיסעמיטישע לעהרער, וואס האבען געפייניגט דאס יודישע יונגעל ווערען אויסגעשלאסען פון גימנאזיע.

מ א ס ק ו א. (י.ט.א.) די 4 אנטיסעמיטישע לעהרער, וועלכע האבען פערטריבען א יודישען חבר אין סטעפניע אויף אנ'אינזול און איהם דערטומיגען צו א בוים פיס'ן בחדש איהם צו פערפיהרען אויף טויט „אזוי ווי די זשידעס האבען געטון יעזוס'ן", וועלען אויסגעשלאסען ווערען פון דער גימנאזיע, וואו זיי לערנען.

געזעלשאפט צו פערטיידיגען די יודישע רעכט אין ארץ-ישראל „זכותינו".

י ר ו ש ל י ם. (י.ט.א.) די געזעלשאפט צו פערטיידיגען די יודישע אינדיווידועלע און קאלעקטיווע רעכט אין ארץ-ישראל „זכותינו", וואס איז מיט א צייט געגרינדעט געווארען אין חיפה, האט איצט ארגאניזירט אויך אנ'אפטיילונג אין ירושלים. צום קאמיטעט פון דער געזעלשאפט געהערען די ה"ה מ. אוסישקין, שעמאצקי, שפירא, שווארץ און אנדערע.

Mydło Rewolwer Majde
Zamiast szumnej i wielkiej reklamy dajemy dobry i tani towar.

מ. רעזשין פאדערט פון אמעריקאנער „דזשאינט" א גענויעם בעריכט

וויפיל געלדער זיינען געזאמעלט געווארען און ווי אזוי זיי זיינען פערוועגדעט געווארען.

מ א ס ק ו ע, (י. ט. א.) דער מיטגליד פון פרעזידיום פון „קאמזעט" א. מערעזשין האט פערעפענטליכט אין „עמעס" אנ'ארטיקעל, אין וועלכען ער פאדערט אויף דעם „דזשאינט" אין אמעריקא צו פערעפענטליכען א גענויעם בעריכט וועגען דעם וויפיל געלדער זיינען ביז-איצט געזאמעלט געווארען און ווי אזוי זיי זיינען פערוועגדעט געווארען. מערעזשין שרייבט, אז די גאנצע זאמעל-קאמפאניע פון „דזשאינט" איז געפיהרט געווארען אונטער דער לאזונג פון דער יודישער קאלאניזאציע אין סאוויעט-רוסלאנד. א דאנק די גוטע אומשטענדען פון דער דאזיגער קאלאניזאציע האט דער „דזשאינט" די מעגליכקייט זיך ארויסצוווייזען מיט גוטע ערפאלגען. דעריבער איז די ברייטע עפענטליכע מיינונג אין סאוויעט-רוסלאנד בערעכטיגט צו פאדערען א גענויעם פינאנציעלען בעריכט פון „דזשאינט", כדי אויפצוקלערען די פראגע ווי אזוי זיינען פערוועגדעט געווארען די 25 מיליאן דאלאר פון לעצטען דרייוו פון „דזשאינט", אמאל עס איז בעקאנט, אז אויף דער קאלאניזאציע אין סאוויעט-רוסלאנד איז פערוועגדעט געווארען נאר 5 מיליאן דאלאר, ד. ה. אין גאנצען 20 פראצענט פון דער סומע.

דער דאזיגער קאנטראל — שרייבט צום סוף מערעזשין — איז נויטיג נאך מעהר דערפאר, ווייל דער „דזשאינט" געפינט זיך איצט פאקטיש אין אנ'אידעאישען בלאק מיט דער ציוניסטישער קאנטראלירט. קיינער וועט נישט גלויבען, אז די פיהרער פון „דזשאינט" ווארבורג, מארשאל און אנדערע זיינען פרייען אין דער „יודישער אגענטור" ביים פעלקערבונד מיט לייטענדע חוגים.

מערעזשין בעמערקט זיך, אז ער ערווארט נישט גרויס גענויען „פערזענליכקייטען", וועלכע זיינען פריער נאך אין רוסלאנד, נאר נעגען די „דזשאינט-צענטראלע".

כאַרקאווער מיליציע וועט זיך בענוצען מיט יודיש.

מ א ס ק ו ע. (י. ט. א.) דער גאנצער ווייטער מיליציע-ראיאן אין כארקאוו האט איינגעפיהרט זיין טעטיגקייט אויף יודיש לויט א בעשטימונג, וואס איז אנגענומען געווארען דורך דער קאמיסיע פאר נאציאנאלע מינדערהייטען. די קאמיסיע האט געשטימט אויסצוזוכען די מיליציאנערען אין ראיאן א ספעציעלן יודישען, וואו די מיליציאנערען וועלען דארפען קענען רעדען און שרייבען יודיש, און וואו די גאנצע געשעפטס-פיהרונג זאל געפיהרט ווערען אויף דער יודישער שפראך.

לאדזער טאגעבלאט

דער רעדאקטאר' נעמט-אן פון 6 ביז 7 אין אווענט.
ניט בעשטעלטע מאנוסקריפטען ווערען ניט צוריקגעשיקט.

אדרעס: „Lodser Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16, Skrz. poczt. 16
טעלעפאנען: פון רעדאקציע 57. אדמיניסטראציע 47.

דער איינציגער יודישער כלי-זין — האמת פאר גלייכבערעכטיגונג.

דער גרויסער יודישער עולם, און די אינטעליגענץ אפילו אויך, מיינט גע־וועהנליך, אז דער גורל פון יודישען פאלק אין מזרח הענגט אפ פון דער, אדער יענער רעגירונג. געוויס האט די אויספיהרענדיגע מאכט אומעטום, בפרט אין פוילען וועהר א גרויסען כח, א סך גרעסערען, ווי מען מיינט! מאר'ן נאכגעטען עתיד אין פוילען, למשל, קען מען פאראויסזעהן א שטארקע פערגרעסערונג פון דער דאזי־גער מאכט. אבער פאר יודען איז דער חלוק צווישען א „גוטער" רעגירונג און א שלעכטער א סך קלענער, ווי פאר נישט-יודען. דאס גלייכט זיך דערמיט, וואס די יודען אין מזרח לעבען אונטער גאנץ באזונדערע שווערע תנאים, פון וועלכע די איבריגע בעפעלקערונג איז פריי.

ווען עס שטעלט זיך אוועק בראש פון דער אויספיהרונגס-מאכט א „שלעכטע" רעגירונג, ד. ה. אנ'אכזריות'דיגע-אנטיסעמיטישע, וואס זאגט ארויס עפען בפני כל עם ועדה, אז זי שטרעבט צו פערטיליגען און צו פער'טן די יודען, זיי אויס'ן עקא־נאמישען, זיי אויס'ן קולטורעלען געביט, — פאלט א שרעק און אנ'אימה אויף אלע יודען; אמאל פלעגט מען גוזר תענית זיין, די גרויסע מחדגים פלעגען בשתיקה מתוועדען וידוי, אבער אויך הענטיגען טאג געהט מען ארום אהן הענד, אדער לכל־הפחות מיט אראפגעלאזענע קעפ, ווארטענדיג אויף אלערליי בשורות און גזירות... קוקט איהר זיך אבער צו צו דעם, וואס עס קומט פאר אינדערעמת'ן, בעמערקט מען באלד א גאנץ טיפישע ערשיינונג, וועלכע חזר'ט זיך שטענדיג איבער אין אזוינע פאלען מיט גאנץ קליינע שנויים. די ערשיינונג איז אזא: די שלעכטע רעגירונג, וועלענדיג אויסקומען ביי די פינסטערע מוחות פון פאלק, ד. ה. ביי דעם רוב מנין און רוב בנין פון די מלוכה-בירגער, טרעט באלד אויס איהר פראגראם בנוגע יודען, סטראפענטליכט א פאר הארטע גזירות און „מאכט זיך ברייט" בכלל. יודען פון ווייטער ווייט הויבען אויף זייער היסטארישען „ויצעקו". די קולות און גע־שרייען קייקלען זיך אריבער פון איין שטאט אין דער אנדערער און, ביי דער אינטעליגענץ אינטערנאציאנאלער פערבונדענקייט, באלד פון איין לאנד אין דעם אנ־דערען, וועהענדיג אומעטום כעס און אויפרעגונג געגען דער אכזריות'דיגער רעגירונג.

עס פערגעהט א קורצע צייט און די גאנצע ציוויליזירטע וועלט שטעהט אויפ־גערעגט און אין א שטארקען גריבעזערן געגען די מעשים תעתועים פון דער שלעכ־טער רעגירונג. די געזעלשאפטליכע מיינונג פון די ציוויליזירטע לענדער דערקענט אין א געוויסען מאראלישען אדער קולטורעלען ניחא, אונטער וועלכען קיין פאלק טאר זיך נישט ארונטערלאזען. קומען פאר ערגיץ-וואו מעשים, וואס שטעהען נידריגער פון דעם דערמאנטען ניחא, בערוהיגט זיך נישט די געזעלשאפטליכע מיינונג פון די ציוויליזירטע לענדער, ביז די „נעהעריגע ארדנונג" ווערט נישט אפגעצפירט.

אונטער דעם דרוק פון דער דאזיגער געזעלשאפטליכער מיינונג הויבען באלד אן די אויסלענדישע דיפלאמאטען פון אנהויב אין ווייכע הענדשקעס און מיט דיפ־לאמאטישע רמזים אויפצוהייזען דער שלעכטער רעגירונג, אז די וועלט איז אויפ־גערעגט; די אכזריות'דיגע פאליטיק געגען יודען קען נור ברענגען שאדען, בפרט נאך אין עקאנאמישער און פינאנציעלער בעציהונג, דער גאנצער מדינה. העלפט דאס העלפט נישט, שרעקען ארויס די דיפלאמאטען ענערגישער, אזוי אז מען מוז דאס נעמען אין אכט...

דא בעמערקט שוין די שלעכטע רעגירונג, אז יודען זענען גארנישט אזוי הפקר, ווי זי האט דאס געמיינט, אז עס איז פאראן א געזעלשאפטליכע מיינונג אין דער ציוויליזירטער וועלט, וועלכע איז גענוג שטארק צו בעשטראפען פאר א עבירה, וועלכע א לאנד בעגעהט אפילו געגען יודען.

באלד נאכדעם הויבט אן די רעגירונג אין איהרע אפיציעלע און אפיציעזע מיטטיילונגען, ווי אויך אין איהרע עפענטליכע ארויסטרעטונגען צו דערקלערען באותות ומופתים, אז מען האט זי שלעכט פערשטאנען און איהרע ארויסגעגעבענע „גזירות" שלעכט אויסגעטייטשט (אינטערפרעטירט)...

אזוי ארום ווערען אלע גזירות געגען יודען רעדוצירט ביז א מינימום. מען רעט די בעאמטע אין געהיים-צירקולארען „דערווייל אפצוהאלטען זיך". יודען הע־רען אויף צו שרייען; די וועלט בערוהיגט זיך...

קומט א „גוטע רעגירונג", בעמערקט איהר אויך, ווען איהר קוקט זיך צו, א גאנץ טיפישע ערשיינונג, וועלכע חזר'ט זיך מיט קליינע שנויים שטענדיג איבער.

די „גוטע" רעגירונג ווענדעט זיך צו דער בעפעלקערונג מיט אנ'אויפרוף אין וועלכען זי תמוט אויף, אז מיט יודען בעגעהט מען זיך נישט גוט, אז זיי אויס'ן עקאנאמישען, זיי אויס'ן קולטורעלען געביט זענען געגען יודען בעגאנגען געווארען פיל עוולות און — אז די דאזיגע עוולות ברענגען גרויס שאדען דער גאנצער מדינה. דעריבער האט די נייע רעגירונג די כוונה אפצושאפען די דא־זיגע עוולות...

ווי אבער די „גוטע" רעגירונג הויבט אן אפצושאפען די עוולות געגען יודען, הויבען אויף א געוואלד, א געשריי אלע פינסטערע און אלע רעאקציאנערע כחות אין לאנד. זיי הויבען אן ווארפען רכילות'דיגע רמזים, אז די נייע רעגירונג האט זיך „פערקויפט" די יודען און דעריבער האט זי זיי אזוי ליב געקריגען!...

באלד כאפט ארום די דאזיגע פינסטערע אנטיסעמיטישע אגיטאציע דעם גרעסטען טייל פון דער מדינה. די רעגירונג דערזעהט באלד, אז מיט דער דאזי־גער „געזעלשאפטליכער מיינונג" איז זי נישט ביכולת צו פיהרען מלחמה און — הויבט אן ציהען זיך צוריק... עס בעווייזען זיך אינגיכען אין די אפיציעלע מיי־נונגען רמזים, אז מען האט די רעגירונג שלעכט פערשטאנען, שלעכט אויסגע־טייטשט א. אז. וו., א. אז. וו. געהיימע צירקולארען האלטען באלד אפ די „ישועות" אויף יודען, וואס די רעגירונג האט אפשר אינדערעמת'ן געוואלט אנטפיהרען... די „גוטע" רעגירונג בלייבט ביי איהרע הבטחות, יודען ווערען מיט א לעכט דער־ניהלטער הצפנונג רייכער...

גארנישט פאליטיקער זענען די, וואס ווערען נתפעל פון א „גוטער" רעגירונג, אי די, וואס פאלען ביי זיך צו שטארק אראפ פון א „שלעכטער" רעגירונג. נישט א רעגירונג, נישט א פאליטישע פארטיי לויט א געזעלשאפטליכער, אדער א נאציאנאלער גרופירונג קען אונז יודען העלפען...

איין כלי-זין האבען מיר, יודען, דאס איז דער קאמף אהן קיין שום הפסקה פאר אונזער גלייכבערעכטיגונג!

דעפוטאט ד״ר יעקב וויגאדסקי.

לכבוד דעם 25-יעהריגען יובילעאום פון דער ליטעראַ־רישער טעטיגקייט פון בעליבטען דיכטער
יצחק קאצענעלסאן
קומט פאר דעם 2. מאי אין „פילהארמאניע"
א גרויסע אקאדעמיע.
איינצעלהייטען אין די ווייטערדיגע אנאנסען.

אנ'אלוועלטליכע ליגע צו קעמפען געגען פאגראמען

צו דער ליגע געהערען ראמאן ראלאן, בערנארד שאו און פראפ. איינשטיין.

פאריז. (י.ט.א.) אין פאריז ווערט די בעקאנטע, געגרינדעטע אנ'אינטערנא־ציאנאלע אנטי-פאגראם-ליגע". איינער פון די גרינדער פון דער ליגע, דער בעקאנטער זשורנאליסט לעקאש, האט אין א געשפרעך מיט'ן פערשטעהער פון דער יודישער טעלעגראפען - אגענטור אויף פאלגענדען אופן געשילדערט די צילען און אויפגאבען פון דער נייער ארגאניזאציע:

די אנטי-פאגראם ליגע איז געגרינדעט געווארען א דאנק דער איניציאטיווע פון א גרופע בעקאנטע פראנצויזישע ליטעראטען מיט פראפ. לאנזשעווען, תאדאמארד און מארק בראש. א געוויסען אימפולס צו דער איניציאטיווע האט געגעבען שווארצ־באַרדס פראצעס און די טראגישע גע־שעהענישען אין רומעניען.

צו דער ליגע געהערען שוין איצט 400 פערזאן צוו. צנד. אויך פראפ. איינ־שטיין, זיגמונד פרויד, בערנארד שאו, וועלס און ראמען-ראלאנד. אין דער ספעציעליסטישע איז שוין רייף געווארען דער געדאנק, אז עס דארף געשאפען ווערען א שטענדיגע, אינטערנאציאנאלע אינסטיטוציע, וואס זאל קעמפען געגען פאגראמען. די טעטיגקייט פון דער לי־גע וועט טראגען א פראפאגאנדיסטישען כאראק־טער, פון איין זייט וועט זי שטרעבען צו שטארקען דעם ווידערשטאנד-קראפט פון די יודישע מאסען, פון דער צווייטער זייט וועט זי אויסנוצען אלע מעג־ליכע מיטלען כדי דורך א תעמולה און אינטערנאציאנאלער טעטיגקייט און איינ־ערוועקען נישט דערלאזען צו אנטי־סעמיטישע אויסברוכען. אין יעדען לאנד וועלען געשאפען ווערען אנ'אפטיילונג פון דער ליגע. אלע אפטיילונגען וועלען דע־לעגירען זייערע פערשטעהער אויף דעם אלוועלטליכען קאנגרעס פון דער ליגע. אין פראנקרייך האבען זיך שוין געגרינ־דעט אפטיילונגען אין מעץ, מילהאוזען, שטראסבורג, טוניס און אלזשיר. פראפ. איינשטיין האט אנגעשטימט איבערצונע־מען דעם כבוד-פערזיץ פון דער ליגע. די גרינדונגס-פערזאמלונג וועט פארקו־מען אין פאריז דעם 18-טען אפריל ה. י. אין פערלויף פון געשפרעך האט ה' לעקאש בייגעשטעלט דעם פערשטעהער פון דער י.ט.א. אז ס'ווערען איצט געמאכט פאראבערעטונגען צו גרינדען א צייט־שריפט געווידמעט דער פערטיידיגונג פון די רעכט פון די נאציאנאלע מינ־דערהייטען אויף דער גאנצער וועלט. פ'ל בעקאנטע פראנצויזישע פערזענליכקייטען האבען צוגעזאגט זייער מיטארבייט אין דער זשורנאלשריפט.

די יודישע ארבייטער אין מדבר ביי יריחו.

פון אונזער קארעספאנדענט **מנשה אונגער.**

אין דעם טויטען מדבר פון יהודה האט געצווינגען ברויזען א נייע לעבען. דריי הונדערט יודישע ארבייטער האבען זייערע געצעלטען אויסגעשפרייט צווישען די רונדליכע נאקעטע קופאלען פון די בערג, וואס זעהען אויס פון דער ווייטענס ווי פויערדיגע קעמלען, און א פרישע לעבען האט אנגעהויבען. שטייערנע בערג אויף קילאמעטערן ווייט ווערען איינגע־ריסען, און עס ווערט געמאכט א נייע וועג. דער וועג וואס פיהרט פון ירושלים קיין יריחו איז תמיד געווען א סכנה'. אין משך פון א שעה צייט פאהרען מיט'ן אויטא לאזט מען זיך אראפ פון ירושלים וואס ליגט אכט הונדערט מעטער איבער'ן ים-שפיגעל, און אין א אפגרונד פון יריחו וואס ליגט דריי הונדערט מעטער אונטער'ן ים-שפיגעל. איצט האט די ענגלישע רעגירונג בעשלאסען צו פער־רוקען דעם נייעם וועג, וואס איז מיט א פאר יאהר צוריק אויסגעבויט געווארען און א „וואדי" (א טאל צווישען צוויי בערג, וואס ווינטער איז ער אנגע־פילט מיט וואסער) און איז צוליב די שטארקע וואסערן אונגעגאנגען פערניכטעט געווארען. דער גרעסטער טייל פון דער ארבייט איז איבערגעגעבען געווארען דעם משרד חקלאי (אונטערנעמונגס־געזעלשאפט פון דער ארבייטער-אר־גאניזאציע) און א טייל א יודישען פרי־וואט-אונטערנעמער. אזוי, אז די גאנצע ארבייט ווערט אויסגעפיהרט דורך יודען.

און אויף דער שלעכטער וועג איז א ליכטיג'ער, אומאפהענגיגער דער נייער וועג צוגעמה'דיגער. איפ'ן שלעכטען וועג פאהרט אזוי פארגעמער כרה אויף בערג און מאל אין אוהר קומט פאר אייך כמעט די גאנצע עלטער, וואס פערשענקט שפיגעל פונ'ם ים-המלח, וואס עס דאכט זיך אויס, אז ער ליגט פאר אייך אזוי נאהענט, און נאר די האנט אויסשטרעקען און מען דערגרייכט אים. אויף דעם לאנגען וועג ווערען צוגעשלאגען געווארען צווישען א קייט פון בערג, און עס דאכט זיך אויס, אז אט די נאקעטע בערג, וועלכע זיך קיינמאל נים ענדיגען און זיך ציהען ביז אין דער אומענדליכקייט ארויס.

א פאר שריט נאך „חאן" (א נאכט־היים פאר וואנדערער), ווען מען פער־לאזט דעם וועג וואס פיהרט צום נייעם וועג צו, זעהט שוין די גאנצע נא־טור עדות, אז דא הויבט זיך אן א ווילד־ער מדבר, וואס קיין לעבעדיגע נפש האלט זיך דארט נאך נישט אויף. די אלטע בעגעגענישען פון טוריסטען־אויטאָס. דאס דא אויפגעהערט. ערום איז אלץ צופרעשטשערט, און די לעצטע לעבעדיגע נפשות וואס מיר האבען בעג־עגענט אויפ'ן דער וועג, זענען געווען א גרופע יודישע טעלעגראפען-ארבייטער, וואס ציהען טעלעפאן-דראטען פון ירושלים ביז יריחו דורכ'ן מדבר יהודה. דאן דויערט די נסיעה א האלבע שעה צייט און מען בעגעגענט גארנישט. עס הערשט א טויטע מדבר שטילקייט, און מיט אמאל דערזעהט איהר פאר אייך מחנים פון ווייסע אויפגעשטעלטע גע־צעלטען, און באלד מענשליכע געשטאַלטען און נאך חיות'דיגע, אומעטום ברי־דער. און שוין זעהט איהר ביי דער ארבייטער-מחנה און מדבר פון יהודה ביי יריחו. עפעס א ראמעלטע פרייד נעמט דעם מענשען ארום, א פרייד וואס קען נאר דערפיהלען דער, וואס מאכט דורך לאנגע מדבר-וואנדערונגען אהנער אלהן, און קומט פלוצלונג צו א ישוב.

דער וועג, וואס די ארבייט פערענט ציהט זיך אויף א שטרעקע פון פיער קילאמעטער. מען דארף ארבייטען דעם וועג, כדי דאס וואסער וואס זאל דורכדרינגען אזוי ווייט צו שטראמען און נישט אויסברעכען דעם וועג. צוליב דעם צוועק מוז אויף דער גאנצער לענג שטייערנע בערג אויסגעריסען ווערען און ערטער וואו דער וועג פאלט פערשליפערט.

ביי דער ארבייט זענען בעשעפטיגט דורכשנאט הונדערט ארבייטער פון פערשידענע עדות און פארטייען. מען האט פאר זיך דעם ירושלים'ער ישוב אין קליינעם. עס זענען פאראן קבוצות פון „הפועל המזרחי", פון תימנים, גוריע־טיים, ספרדים און פערשידענע אנדערע עדות. יעדע קבוצה האט זיך איהר אייגענעם נאמען. אט שטעהען אויף א ראנד פאראן א סך אלטע תימנים, וואס פון „קבר רחל", א שיטה פון געצעלטען, און א תימנישער ארבייטער ווייזט מיר און: „דארטען וואוינען מיר, די קבוצה נשר". מיר האבען זיך א נאמען געגעבען „נשר" ווייל, און אונזער קבוצה זענען פאראן א סך אלטע תימנים, האט מען געוואלט עס זאל ביי זיי מקוים ווערען די ברכה „תתחדש כנשר נעוריך". געבען זיי ארבייט די קבוצה „שרון" (גליל-היום) אלע חברים פון דער קבוצה פוילען זיך און אויף גלייכע חלקים מיט ריות. און אביסעל פערווייטערט צו א זייט ארבייטען די קבוצות פון „הפועל המזרחי", פוילישע בחורים, געוועזענע סאדיגורער חסידים. סענע! זיי דעם שטיבעל נאך ניט פערגעסען, און א יעדער רעם פון א בעל מיט א חסידישען נגון. אויף דער „העובד" (די ארבייטנגנדיג יעגער) און נים אפגעשטאנען פון זייערע עלטערע חברים.

דער פערדינסט פון דער ארבייט איז א גאנץ בעפרידיגענדער. עס מאכט אויס פון 25—50 פיאסטער א טאג. „ועדת התרבות" האט איינגעשטעלט א לעזע־זאל, וואו ס'געפינט זיך די ארץ ישראל'ישע פרעסע און ביכער. יעדער וואך קומט מען צו פארהערען פון שטאט און לייענען רעפעראטען. יעדען שבת ווערען געמאכט בשותפות'דיגע אויספלוגען. עס איז אויך פאראן א קוך, און נראד'ע א כשר'ע פאר די וואס זעהט שוין דער „הפועל המזרחי". פריהער איז געווען א מאנגעל אין וואסער. איצט ברענגט מען אויטא צוויי מאל א טאג וואסער פון יריחו, אזוי אז עס איז פאראן וואסער ברווחה. די נאכבעטע מחנה וואוינט אין 100 געצעלטען, וועלכע זענען אויפגעשטעלט געווארען אויף די פעלדער פון כרן-היכל, אזוי אז די ארבייטער האבען זיך איינגעארדנט ווי ביי זיך אין דער היים.

די ארבייט וועט נאך דויערן א צייט חדשים. אבער די ארבייטער וועלען פסרה אפגעבויטען, צוליב דער ארבייטסלאזיג־קייט, וואס הערשט נאך אין לאנד, וועלען די ארבייטער געשטעלט אויף גרופען. יעדע גרופע, אז זי ארבייט אפ א גע־שטימטע צייט — פון פאנט אויף א מענשען — פערלאזט זי די מחנה און אנ'אנדער גרופע פון דער שטאט פער־נעמט איהר ארט, און אויך האב נראד'ע בעגעגענט א גרופע וואס דארף און א פאר טעג ארום פערלאזען די מחנה. זעה־גען זייערע פנים'ער טרויעריג געווען, אזי ווען אויך האב זיך מיט געווענדעט צו איינעם פון זיי, צו פרעגען אויב זיי גוט, וואס איהר פערלאזט דעם מדבר? „גוון ברויטערן" איז זיין ענטפער געווען — די לעבען איז מיר דערשאטען מיט איהם געצאגען טאמעל. שוין צוויי יאהר ווי איך געפינען זיך אין דער שטאט. זיך צוגע־הערט א „וועלט" מיט רעקלאמען, אויך בין איך פון די ערשטע כביש-ארבייטער פון דער כביש, וועלכע איז געמאכט גע־ווארען מיט זיבען יאהר צוריק, און עס פרייט מיר ווען איך זעה וואס פאר א ענטוויקלונג דער ארץ ישראל'דיגער ער־בייטער האט דורכגעמאכט. דערצעהלט מיר וועגען יאהר צוריק זענען מיר נאך „חלוצים" געווען — זאגט ער מיט א שמייכל אויגענע — נים געוואוסט, וואס הייסט אויספערדערען א „גוטע שטיק ארבייט" און היינט איז כמעט דער גאנצער כביש איבערגעגעבען געווארען אויף אונזער אייגענער פעראנטווארט־ליכקייט, אויפ'ן ארבייטערס אחריות. און די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט מיסטערהאפט, און די רעגירונג איז זעהר צופרידען פון איצט. דערציילט נאך חבר, מוזט איהר ווייסען — האט ער צוגעגעבען — אז דא איז פאר אונז א מין „פאר'שפור'מכונה". מען וויל פאר־געבען, אז די ארבייט איז דא א צייט־ווייליגע און עס וועלט זיך אויסדריקען, אז מיר האבען א פרישען יודישען פונקט בעזעצט, א נייעם יודישען ישוב אין דעם מדבר ביי יריחו. אט קומט נאך דער ארבייט. די נאכט פאלט אויס, קלעטערט מען ארויף אויף די בערג, מען קליבט צעהויף אויסגעטרוקענטע דערנער און מען לעגט אויף א פייער, און ארום די פייער ווערען הורא'ס געמאכט. אט אין אזעלכע מינוטען פערגעסען מיר, אז מיר דארפען באלד צוריק קעהרען אין דער שטאט ארייון.

און איך האב זיך געטראכט, ווי פיל כחות געהען אוועק פערפאלען צוליב אונ־זער געלד-מאנגעל. ווי פיל חברים זענען פארהאן אזעלכע צעשוואַרפענע איבער גאנץ ארץ ישראל, וואס דערוואַרטען מיט אומגעדולד די מינוט ווען מען וועט זיי געבען די מעגליכקייט צו בעזעצען פרישע יודישע פונקטען? צו בעזעצען מיר נאך קיין הויטאריש פערבראכען, ווען מיר האלטען זיך אט דערפון. און מיין תפלה האט זיך פערמישט מיט דער תפלה פון מיין חבר: זאל מען אנהייבען ווידער קאלאניזירען אונזערע ארבייטער, זאלען פרישע לאנד-ישובים גע־שאפען ווערען פאר די ישוב-דורשטיגע ארבייטער!

בעריהמטער אמעריק. מיליאנער גולד חתונה געהאט מיט אנ'ארימער שניידערקע.

סענסאציאנעלער ראמאן, מיט וועלכען עס קאכט פאריז און ניו-יארק.

א הירקליכער ראמאן, וועלכער לעזט זיך ווי אנ'אויסגעטראכטער ראמאן, ווי די שפאנענדע ראמאנען, אין וועלכע א פרינץ פערליבט זיך אין אנ'ארימער מיידעל, עס איז אזא ראמאן האט לעבעדיג פאסירט.

אבער אנשטאט א פרינץ איז דער העלד אנ'אמעריקאנער מיליאנער. אמע־ריקא האט נישט קיין פרינצען, נאר אנ'־אמעריקאנער מיליאנער איז בנוגע א שרוך און אין פערשידענע אנדערע זא־כען איצט חשובער און ענגלייזגער, ווי א פרינץ.

די מלחמה און די רעוואלוציעס אין א סך לענדער האט געבראכט דערצו, אז פיל פרינצען זענען אזוי פעראר־מט געווארען, דאס זיי האבען נישט, מיט וואס דעם טאג איבערצולעבען.

און נישט נאר פון די רעוואלוציא־נערע לענדער, נאר אויך פון לענדער, וועלכע האבען נאך קעניגען, נאר זענען אזוי פעראַרימט, אז אמעריקאנער מיליאנען זענען פאר זיי דער זיסטער חלום.

דער העלד פון אונזער געשיכטע איז דער אמעריקאנער מיליאנער, דזשעראלד דזשעי גולד, וועלכער האט זיינע מיליא־נען גע'ירש'נט פון זיין פאטער.

גולד איז שוין געווען פערהייראטעט, אבער ער האט מיט זיין פרוי קיין גוט לעבען נישט געהאט. מען זאגט, אז די שולד איז געווען פון איהר זייט און ער האט זי געליבט אפילו נאכ'ן גט. ער האט אפילו געזאגט, אז זי וועט מיט איהם זיך איבערטראכטען און צוריק מיט איהם חתונה האבען.

אבער עס האט זיך אויסגעלאזט אנ־דערש. זי האט זיך אונטערגעאזילט און חתונה געהאט מיט אנ'אנדערען, א בע־וואוסטען אקטיאר פון ענגלאנד און דאס האט איהם פשוט צושטערט און פערצווייפלונג.

דער מיליאנער האט געזוכט צושטריי־אונג. ער האט געוואלט פערגעסען זיין ליבע און ענטוישונג. ער איז דעריבער עמיגרירט קיין פראנקרייך און ער האט זיך בעזעצט אין קאן, האט געזוכט זיך אין דרום פון דער פראנצויזישער רעפובליק. דארט האט ער זיך געגעבען לערנען מוזיק אלס צייט-פערטרייב.

ווייזט אויס, אז די מוזיק האט גאנץ וועניג געווירקט אויף איהם צו פערגעסען זיינע צרות און יסורים. אבער אומ־געריכט איז געקומען א גאלופ פאר זיין הארץ.

גולד האט זיך בעקענט מיט א מיי־דעל, וועלכע האט איהם געמאכט פער־געסען זיין ערשטע פרוי און פערהיילט די וואונדען, וואס יענע האט איבערגע־לאזען אין זיין נשמה.

דאס מיידעל מאדמואזעל זשאקלין תילא, האט זיך אויך געלערנט מוזיק און אזוי ארום האבען זיי זיך בעגע־גענט.

זשאקלין איז געווען אנ'ארימע שניי־דערין, די טאכטער פון פויערים. מוזיק פלעגט זי זיך לערנען אין אווענד, נאך דער ארבייט, אוועקגעבענדיג די לעצטע פערשפארטע סאנטימען פאר די מוזיק־לעקציעס.

שוין די ערשטע בעגעגעניש האט אויף דעם אמעריקאנער מיליאנער גע־מאכט אנ'אומגעהויערען רושם.

זשאקלין האט נישט געהאַט דעם מינ־דעסטען פערדאכט, אז ער איז א מיל־יאנער. זי האט איהם אנגע־נומען אלס ארימען סטודענט פון מוזיק, ווייל גולד האט געלעבט און זיך אויפ־געפיהרט זעהר בעשיידען.

ווייזט אויס, אז אויך ער האט אויף איהר געמאכט א רושם.

ער האט איהר נישט אויסגעזאגט ווער ער איז. ער האט זי געליבט אונטער'ן נאמען אנדרוך, אז ער איז אנ'ארימער מוזיק־סטודענט.

דאס האט ער געטון, כדי ער זאל זיין זיכער מיט איהר ליבע צו איהם. ער זאל נישט אלע מאל דארפען פער־דעכטיגען, אז זי ליבט זיין געלט און נישט איהם.

ערשט אין א צייט שפעטער, ווען ער איז שוין פולקום געווען איבערצייגט אין איהר ליבע, האט ער איהר אויסגע־זאגט דעם סוד.

ער האט איהר דערצעהלט, אז ער איז איינער פון די גרעסטע אמעריקאנער מיליאנערען.

גולד איז דערנאך אפגעפאהרען מיט איהר אין קליינעם דערפעל צו איהרע עלטערן און דארט פערבראכט א שטיק צייט אין דעם ארימען הילצער־נעם שטיבעלע, וואו די תילא פאמיליע וואוינט.

— דארט איז געווען די גליקליכסטע צייט אין מיין לעבען! — האט גולד ערקלערט און ער האט עס געמיינט ערנסט, ווייל דארט האט ער געפונען רוה און עהרליכקייט ביז דעם העכסטען גראד, צווישען די ארימע הארעפאשנע מענשען, ארומגערינגעלט פון דער אוי־סערגעוועהנליך-שעהנער נאטור פון זיד פראנקרייך.

נעקס יאהר האט זיך געצויגען דער ראמאן. נישט גולד און נישט זשאקלין האבען זיך געאיילט חתונה צו האבען. זיי האבען פריהער געוואלט זיך דערקע־נען בעסער איינער דעם אנדערען; חוץ דעם האבען זיי געוואלט ענדיגען זייער מו־זיק-שטודיום אלס בעזונדערע מענשען, נישט שטערענדיג איינער דעם צווייטען.

די טעג ערשט איז געפראוועט געוואָ־רען די חתונה.

די חתונה איז פארגעקומען טאקע אין דעם קליינעם דערפעלע פון איהרע על־טערן און אלע פויערים פון דארף זע־נען געווען געלאדען צו דער חתונה מאל פון זשאקלין און דעם אמעריקאנער מיליאנער.

נאך דער חתונה זענען זיי אפגע־פאהרען קיין פאריז.

דארט האט ער אפגעקויפט איינעם פון די שענסטע פאלאצען אלס זייער האוינונג. דאס וועט זיין זייער פאריזער

(ענדע — זייט 6).

דאָס יודישע אויפבוי-ווערק און זיין פאָרטשריט.

א יאָהר „אָרט"-אַרבייט.

(ספּעציעלע קאָררעספּאָנדענץ פון בערלין).

אויף דער גענעראַל-פערזאַמלונג פון דער דייטשער אָפּטיילונג פון „אָרט", וואָס איז דעם 25. מערץ פאָרגעקומען אין בערלין איבער דעם פאָרזיץ פון ה' ווילהעלם גרעץ, האָט דער מיטגליד פון דער צענטראַלע פון פאַרבאַנד „אָרט". ד"ר א. סינגאַלאָווסקי געגעבען א קורצען סך הכל דערפון, וואָס „אָרט" האָט געטון פאַר'ן יאָהר 1927. דער באַריכט האָט געמאַכט א באַזונדער שטאַרקען רושם אויף די צוהערער א דאַנק די פילע פאַקטען און רייכע ציפער-מאַטעריאַלען, וועלכע דערווייזען די פירושים דעם גרויסען פּראַקטישען נוץ פון דער „אָרט"-טעטיגקייט.

דאָס פאַרגאַנגענע יאָהר — זאָגט ד"ר סינגאַלאָווסקי — בילדעט א וויכטיגען קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון דעם „אָרט"-פאַרבאַנד. אין משך פון דעם בעריכט-פעריאָד האָט „אָרט" נישט געקוקט אויף זיינע בעגרענעצטע פינאַנציעלע מיטלען, פיל אויפגעטון אויף אַלע 3 געביטען פון זיין אויפבוי-אַרבייט.

1) אויף לאַנדווירטשאַפטליכע צוועקען זיינען אין פאַרגאַנגענעם יאָהר אויסגעגעבען געוואָרען אַן ערך 95.000 דאָלאַר. דערפון קרוב 83,000 דאָלאַר אין רוסלאַנד. מיט אָט דער לויט ערך בעשיידענער סומע האָט „אָרט" בעדינט 1179 קאָלאָניסטען-פאַמיליעס אין די 27 ישובים פון אָדעסער ראַיאָן און 540 פאַמיליעס אין ווייס-רוסלאַנד און האָט א חוץ דעם אַריינגענומען אין דעם קרייז פון זיין טעטיגקייט א נייעם ראַיאָן — פעראָפּאַיעק — מיט 10,000 העקטאַר, וואָס געפינען זיך אין צפון פון אָדעסער ראַיאָן. אין משך פון 1927 האָט „אָרט" דערביי פאַרזאָרגט 317 קאָלאָניסטען-פאַמיליעס. סך הכל האָט „אָרט" אין די לעצטע יאָהר בעדינט 2054 פאַמיליעס (10252 נפשות) מיט קרעדיט און אַגראָנאָמישער הילף. אין אָדעסער ראַיאָן זיינען מיט דער הילף פון „אָרט" געבויט געוואָרען 725 דירות. דערצו 440 אין 1927. עס איז צוגעגרייט געוואָרען בוי-מאַטעריאַל פאַר נאָך 380 היזער, וועלכע וועלען געבויט ווערען אין דער 1-טער העלפט 1928. דערמיט האָט פאַרענדיגט די קאָלאָניזאַציאָנס-פראַגע אין דעם ראַיאָן. מיט דער הילף פון „אָרט" און די מלוכה-אָרגאַנען זיינען אויסגעגראָבען געוואָרען 64 ברונעמער, דערפון 20 אין דעם לעצטען יאָהר.

דער עקאָנאָמישער מצב פון די קאָלאָניסטען האָט זיך בעדייטענד בעססערט א דאַנק דער פאַרבעסערונג פון לעבעדיגען און טויטען אינווענטאַר. ביים היינטיגען טאָג קומט אויס אויף א ווירטשאַפט דורכשניטליך 1,4 פערד און 1 קוה. פיל קאָלאָניסטען פאַרמאָגען צו 2 פערד און צו 2 קיה. אין די קאָלאָניעס פאַרשטייט און פריהלינג איז די צאָהל בהמות נאָך גרעסער. — ד"ר סינגאַלאָווסקי בעמערקט, אַז די דאָזיגע גוטע רעזולטאַטען דאַרף מען פאַרדאַנקען דעם סיסטעם פון ביליגע היפּאָטעק (7½, 2½ קלאַפּטער פאַר דורכשניטליך 450 רובל) און קורצטערמיניגע קרעדיטען אויף אינווענטאַר, ווי אויך צום טייל דעם פאַקט, וואָס די הלוואות פון „אָרט" זיינען אַמאָל בענוצט געוואָרען פון די קאָלאָניסטען אויף האַנדעלס צו בעקומען גרעסערע קרעדיטען פון דער מלוכה אין פאָרם פון זריעות און מכשירים. היינטיגעס איז אָבער—דער פראַגע צו ערקלערען דורך דער שטאַרקער זעלבסטטעטיגקייט פון די קאָלאָניסטען גופא, וועלכע „אָרט" האָט כסדר געזוכט צו פאַרגרעסערען. די הלוואות ווערען פון די קאָלאָניסטען פּינקטליך בעצאָהלט.

אין יאָהר 1928 וועט „אָרט" אויסגעבען פאַר דער יודישער לאַנדווירטשאַפט אין רוסלאַנד קרוב 250.000 רובל. דערפון 60.000 רובל פון חזרות (צוריקגעצאָהלטע הלוואות). אין דעם יאָהר וועט „אָרט" א חוץ דעם אָדעסער ראַיאָן און ווייס-רוסלאַנד בעדינען נייע 800 ערד-אַרבייטער-פאַמיליעס אין פעראָפּאַיסקער ראַיאָן.

אין פּוילען, וואו די יודישע לאַנדווירטשאַפט איז בעדייטענד קלענער, בעדינט „אָרט" קרוב 1000 ערד-אַרבייטער-פאַמיליעס. מיט זיין הילף זיינען געגרינדעט געוואָרען 12 לאַנדווירטשאַפטליכע קאָאָפּעראַטיווען. אין 3 קאָלאָניעס זיינען פאַרפלאַנצט געוואָרען איבער 10.000 פרוכטבוימער. אין אַנדערע פּונקטען זיינען איינגעפיהרט געוואָרען גערטנערייען-פלאַנצונגען און בינענצוכט. אין לעצטען יאָהר זיינען אויך מיט דער הילף פון „אָרט" געגרינדעט געוואָרען 4 מילך-ווירטשאַפטען, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייערע פּראָדוקטען און גענען גוטען פאַרדינסט.

אין בעסאַראַביען איז די לאַנדווירטשאַפטליכע אַרבייט פון „אָרט" געפיהרט געוואָרען ביי וועניגער גינסטיגע בעדינגונגען. לעצטענס ווערט דורכגעפיהרט א טעריטאָריאַלע אָפּגרענצונג פון די אַרבייטס-געביטען פון „יקא" און „אָרט", ווי דאָס איז שוין פריהער געשעהן אין פּוילען. סך הכל האָט „אָרט" אַריינגעלעגט אין דער לאַנדווירטשאַפטליכער אַרבייט אין בעסאַראַביען איבער 10.000 $ אין לאַנג און קורצטערמיניגע קרעדיטען. אין יאָהר 1927 זיינען אין בעסאַראַביען אַריינגעקומען חזרות איבער 5000 דאָלאַר.

2.) פּראָפעסיאָנעלע שולען. — נישט געקוקט אויף דער זעהר שווערער פינאַנציעלער לאַגע זיינען אין משך פון 1927 געגרינדעט געוואָרען נאָך 12 אַנשטאַלטען פאַר פּראָפעסיאָנעלער בילדונג. פון די 11 סאָכאָלען, וואָס „אָרט" האָט געשטיצט אין דער אוקראַינע, זיינען 9 אַריבערגענומען געוואָרען אויף דעם בודזשעט פון דער מלוכה. „אָרט" האָט דעריבער

(ענדע—זייט 6.)

די סענסאַציאָנעלע געשיכטע פון אַבעריהמ-טער פּאַריזער טענצערין.

דאָס רעטעניש פון דער „שפּיאָנין" מאַטאַ האַרי אויפגעקלערט?

אין פּאַריז געהט א בעוואוסטע אַקטריסע. זי איז גענאַנט דאָס זינג-פויגעלע, דאָס שפּיל-פויגעלע פון פראַנקרייך. זי איז געווען א זעלטענע שענהייט און אַן אַפּטע קינסטלערין און די בעסטע פילם-אַקטריסע.

נישט נאָר די דיכטער און קינסטלער, נאָר מאַקע די העכסטע פון די העכסטע אין דער אַריסטאָקראַטיע האָבען זיך פאַר איהר געבוקט און געבוירען, און צווישען זיי זיינען געווען נישט נאָר פראַנצויזען, נאָר אויך בעוואוסטע מלוכה-לייט פון אַנדערע מדינות.

און — אַמאָל פריהמאָרגען איז פּאַריז איבעראַשט געוואָרען. די דאָזיגע אַקטריסע, די דאָזיגע קינסטלערין, די דאָזיגע וועלט-שענהייט, איז געפונען געוואָרען א טויטע. זי האָט זיך אויסגעפּוצט אין איהרע שענסטע קליידער. זי האָט אָנגעטון די טייערסטע דימענטען און בריליאַנטען, וואָס זי האָט געהאַט און געמאַכט א סוף צו איהר לעבען.

אויף איהר ברוסט איז געווען אָנגעשפּיליעט דאָס פאָלגענדע צעטעלע:

„גאָט, עפען אויף דיינע טויערן פאַר מיר. איך האָב זיך אָנגעזעהן מיט אַזוי פיל האַס, מיט אַזוי פיל אייפערזוכט און נאַרערייט, אַז איך וויל מעהר נישט לעבען. איך בעט נאָר גאָט, אַז ער זאָל מיך צערטליך צונעמען צו זיך אין זיין קעניגרייך. איך וויל שלאָפען. בעערדיגט מיך אין א פערלאָזענעם ווינקעל, וואו איך זאָל קענען צערטליך רוהען, קענען שלאָפען".

די אַקטריסע, וואָס האָט דאָס אויף אַזא אויסטערלישען אופן געמאַכט א סוף צו איהר לעבען, איז מאַדעמואַזעל קלאָוד פראַנס. די פּאַריזער צייטונגען האָבען וועגען איהר טויט אין אָנהויב געמאַכט די גרעסטע סענסאַציע.

פלוצלונג אָבער איז אַלץ פאַרענדערט געוואָרען. די צייטונגען האָבען אָנגענומען א טול פּול מיט תאטער און זיי זיינען פערשטומט געוואָרען. עס איז געוואָרען אויגענשיינליך, אַז איהר טויט איז געווען נישט קיין אַזוי פּשוט'ע זאַך. עס איז אָבער געווען שווער צו דער-גרהען דעם אמת.

בעטריבענע צום טויט האָט איהר דער טויט פון אַן אַנדער קינסטלערין, איינע וועלכע האָט נאָך געהאַט א גרעסערען נאָמען פון איהר, וועלכע האָט נאָך געהאַט מעהר גלייבער און פערעהרער פון איהר. דאָס איז געווען די וועלט-בעריהמטע טענצערין מאַטאַ-האַרי, וועלכע האָט געענדיגט איהר לעבען דורך די קוילען פון א סקאַדראָן פראַנצויזישע סאָלדאַטען, צוליב איהר פאַררעטעריי צו פראַנקרייך.

דער טויט פון מאַטאַ-האַרי איז פון דיכטער בעזונגען געוואָרען, פון אויסערהליכע שריפטשטעלער בעשריבען געוואָרען, אָבער ביז איצט האָט מען נישט געוואוסט, אַז מאַטאַ-האַרי איז געווען א קרבן פון קלאָוד פראַנס, אַז ווען נישט די בעהויפּטונגען, וואָס קלאָוד פראַנס האָט געגען איהר געוואָגט, וואָלט מען קיינמאָל נישט געקאָנט פערמשפּט'ן די בעוואוסטע טענצערין. זי איז דאָס געווען די איינציגע, וואָס האָט, כאָטש זי איז געווען א כלומר'שטיגע פריינדין פון מאַטאַ-האַרי, געהיימערהייט אויפגעטראָגען געגען איהר און זי איז דאָס געווען די, וועלכע איז דירעקט, אָדער אומדירעקט געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם שרעקליכען טויט-אורטייל, וואָס דאָס קריגס-געריכט האָט אַרויסגעגעבען געגען מאַטאַ-האַרי.

און צוליב דעם געהיימניסוואָלען טויט פון קלאָוד פראַנס האָט זיך ביי פיל מענשען אויפגעוועקט א געפיהל, אַז אפשר איז גאָר מאַטאַ-האַרי געווען אַן אומשולדיגער קרבן, אפשר איז די וועלט-בעריהמטע טענצערין, צו וועלכער קעניגען האָבען זיך געבוקט, גאָרנישט געווען קיין דייטשע שפּיאָנקע און קיין פאַררעטערין צו פראַנקרייך? מען הערט שטילערהייט אין געהיימע קרייזען מענשען מורמלען, אַז קלאָוד פראַנס האָט בעשלאָסען צו מאַכען א סוף צו איהר לעבען דערפאַר, וואָס זי האָט געוואוסט, אַז מאַטאַ-האַרי איז נישט געווען שולדיג, און אַז זי האָט נישט געקענט רוהען, ווייל זי האָט געהאַט א חלק אין איהר טויט.

קלאָוד פראַנס האָט זיך געפיהלט העכסט אומגליקליך צוליב דעם טויט פון מאַטאַ-האַרי און דער ראָל, וואָס זי האָט געשפּילט אין דעם. זי האָט זיך פערטרויט צו איינע גוטע פריינדינעס, אַז איהר לעבען איז געוואָרען א שרעקליכער, און אַז זי האָט נעכט נישט געקענט שלאָפען, ווייל זי פלעגט שטענדיג זעהן נעבען זיך דעם שאָטען פון א שענהייט, וועלכע איז געשטאָרבען און אפשר האָט זי געהאַט א געהיימען חלק אין איהר טויט.

דער אמת'ער נאָמען פון קלאָוד פראַנס איז געווען האַנסאַ חויטיג. זי איז געווען די טאָכטער פון אַן אומבעקאַנטען וועטערינאַר-דאָקטאָר אין א קליין שטעטעל אין דער שוויץ. האַנסאַ איז געווען אַליין א סטודענטקע אין בערנער אוניווערזיטעט. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען און אין דער שוויץ זיינען אָנגעקומען א סך פראַנצויזישע פערוואונדעטע אָפיצירען זיך צו ערהאָלען, איז זי געוואָרען א שוועסטער פון „רויטען קרייץ" אין שפּיטאָל, וואו זי האָט געוואוינט איז איינמאָל אָנגעקומען גראַף דע-שילי, א שיינער פראַנצויזישער אָפיציר פון דראַגונער, וועלכער האָט געהאַט א וואונד אין די לונגען. זי האָט איהם זעהר צאַרט בעהאַנדעלט און ווען ער איז געזונטער געוואָרען, האָט זי זיך אין איהם פאַרליבט. דער גראַף איז געווען א דורכגעטריבענער יונג. ער האָט שוין געהאַט דורכגעמאַכט א סך אין זיין לעבען און ער האָט שוין געזעהן דערצו, אַז די יונגע, שיינע מיידעל זאָל זיך אין איהם אַזוי פאַרליבען, אַז זי זאָל עהן איהם נישט קענען לעבען.

און דער שווייץ האָט ביי פיל נעכטען וויסען דער ליבע פון פראַנצויזישען גראַף און דער שיינער שווייצערין. די נייעס דאָס אויך דער ליבע פאַרגאַנגען און נאָכדעם ווי גראַף דע-שילי איז אוועקגעפאָהרען געוואָרען פון זיין געלעגער אויף איינע טאָג צייט, האָט ער זיך צוריקגעקעהרט מיט א פּלאַן פון

(ענדע זעה זייט 6)

א מיאוסער דורכפאַל פון א „נשמה-כאַפּער" איז פּעטריקאָוו.

דער מיסיאָנער כאַפּט בענקלעך בשעת א דרשה. — אויף די גאַסען מאַכען איהם יונגעלייט א קאַצען-מוזיק.

(פון אונזער ספּעציעלען פּעטריקאָווער קאָררעספּאָנדענט)

אין דער יודישער פּרעסע איז שוין פיל מאָל געשריבען געוואָרען וועגען דעם מיסיאָנער ה. לעווינסקי, וועלכער זאָל שטאַמען פון א רבנישער פאַמיליע און לעבט איצט און היינט דער הויפּט-אַגענט פון דער מיסיאָנערישער „אור-רעע" אין פּוילען.

מיט דעם ראָזענגען לעווינסקי האָט זיך פּעטריקאָווער די ערשטע מאָל פּסח קומען קיין פּעטריקאָוו און דאָ כאַפּען נשמות און זיין מאָז אַרוין. מיט א פּאַר טעג פריהער האָבען זיך אין יודישען קוואַרטאַל בעוויזען פּלאַקאַטען אין דער יודישער און פּוילישער שפּראַך, אַז „לעווינסקי פון לאָנדאָן" וועט האַלטען אין קולטור-זאַל צוויי פאָרלעזונגען. דעם ערשטען טאָג אויף דער טעמע: „די יודען און די מיסיאָן — די מיסיאָן צו די יודען", דאָס צווייטע פון דער צווייטער פאָרלעזונג: „פּסח".

א טאָג פאַר די פאָרלעזונגען האָט מען זיך בעגל דערוואוסט אין פּעטריקאָוו, אַז דער „פּאַרשוין" איז שוין דאָ — און וואוינט אין אונטער פון די תאַמקען אויף דער קאַרלסקער גאַס. מ'איז געוואָיר געוואָרען, אַז דער „נשמה-כאַפּער" געהט אַרום אין גאַס און זוכט ווי נאָר ער דערזעהט א יודישען יונגערמאַן, שמועסט ער איהם אָן און בעט איהם צו קומען צו זיינע פאָרלעזונגען.

צו דער ערשטער פאָרלעזונג זיינען געקומען א 200 יונגעלייט און ווי נאָר דער בעל-דרשן האָט זיך אַרויסגעשטעלט האַלטען זיין דרשה פון א קליינער בימה איז געוואָרען א סקאַנדאַל, אַז ער זאָל זיך אָנטון דעם קאַפּעלוש. נישט האָבענדיג קיין ברירה האָט דער מיסיאָנער זיך אָנגעטון דעם קאַפּעלוש און גענומען ווייטער דרש'נען. אָבער אין א פּאָר מינוטען אַרום איז ווידער אויפגעפלויגען א טעלער און עס האָבען אָנגעהויבען פון אַלע זייטען צו פליהען בענקלעך אויף דער בימה אַרויף און אין בענקעל האָט געטראָפען דעם בעל-דבר אַליין גלייך אין פּנים אַריין אַזוי, אַז דער אומגליקליכער פון זאַל וועלכער האָט זיך אַרומגעוואָרפען, אַז דער נשמה-כאַפּער האָט אָנגעפאַנגען דעם יונגעלייט'ס העלפער, וואָס ער איהם אַרויס געקראָכען דורך א הינטער טיר און איהם א ליגענדיגע צייט בעהאַלטען און א שטיק פון דער עולם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

דער נשמה-כאַפּער האָט נאָך זיין ערשטער דורכפאַל נישט פערלוירען דעם בטחון און געפּרובט ווייטער דאָס גליק... אָבער דאָס צווייטע מאָל האָט ער ווידער געהאַט א מפּלה און א פיל גרעסערע, ווי דאָס ערשטע מאָל.

דעם צווייטען טאָג איז דער זאַל געווען איבערגעפּילט מיט אַן עולם פון א 1000 מאַן בלויז יודישע יונגעלייט, דערנעבען אויך א גרויסע צאָהל דייטשען פון די אַרומיגע קאָלאָניעס. ווי נאָר דער „בעל-דרשן" איז אַרויף אויף דער בימה, איז געוואָרען א פייפעריי און א טומעל, וואָס עס איז אוממעגליך געווען איבערצושמועסען. די דייטשע קאָלאָניסטען האָבען זיך ביי די יודישע יונגעלייט געבעטען נישט צו טומלען און לאָזען דעם „בעל-דרשן" האַלטען זיין דרשה. לעווינסקי אַליין האָט זיך מיט טרעהרען אין די אויגען געבעטען איהם אויסצוהערען, אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפען. דער טומעל איז פון מינוט צו מינוט גרעסער און גרעסער און ווידער אַמאָל האָבען אָנגעהויבען בענקלעך צו פליהען אויף דער בימה.

דער „נשמה-כאַפּער" דערזעהענדיג אַז ער וועט גאָרנישט אויפטון, האָט זיך גענומען וויינען און אין זאַל מיסיאָנערישע בראָשורען, וועלכע דער עולם האָט באַלד פערניכטעט.

אַרויסגעהענדיג פון זאַל האָט דער גאַנצער עולם דעם „העלד" אַפּגעוואַרט און ווען ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער בעגלייטונג פון צוויי זיינע משרתים, האָט מען איהם געמאַכט א קאַצען-מוזיק... מיט מיה און אַנגסט האָט ער זיך אַרויסגעריסען און אין א רעסטאָראַן אַריינגעלאָפען.

אָבענד'ז נאָכט'ן וויא אויף אַלע גאַסען האָבען יונגעלייט די דורכפאַלענע דעם דעראַזשע געמאַכט א קאַצען מוזיק, די ... און דאָן פערפאָהרען פאַר דער שפּאַנגלישער קירכע וואו דער מיסיאָנער האָט געהאַלטען זיין דרשה.

נאָך דעם צווייטען טאָג איז דער „נשמה-כאַפּער" אָנטלאָפען זאַמען מיט א שטאַרקער שמירה פון זיינע משרתים פון פּעטריקאָוו.

א. פּיעטריקאָווסקי.

פירטעס קאַפּיטעל.

נישט-וויסען מאַכט גליקליך.

דער טורעם-זייגער אויף סיטי-האָל, דער ראַטהויז פון ניו-יאָרק, האָט געוויזען פינף א זייגער נאָכמיטאָג, ווען אַן עלעגאַנט-געקליידעטער יונגער מאַנספּערזאָן איז צוגעגאַנגען צו דער סטאַציע פון די אונטערערדישע טראַמוויען, כדי צו פאָהרען אהיים.

זיין שעהן, זאָרגלאָז פאַרזייטס פּנים האָט דערציילט, אַז ער געהערט צו די העכערע קרייזען פון דער געזעלשאַפט. דעם קאָפּ האָט ער שטאָלץ געהאַלטען אין דער הויך ווי א מענש, וואָס קען זיין בעדייטונג אויף דער וועלט.

דזשאָן טעקאָט האָט זיך דערווייל געקענט ערלויבען. ער האָט אין א גרויסער מאָס בעזיצט דאָס, וואָס מענשען בעטראַכטען פאַר דעם העכסטען גליק.

אָבער אָפט א טרויעריגער שאָטען האָט בעדעקט זיין שעהן פּנים.

ערשט מיט א יאָהר צוריק, קאָמענדיג מיט דער נ"ט, האָט ער געהייראַט מיט איינער פון די שענסטע און רייכסטע טעכטער פון ניו-יאָרק, די טאָכטער פון מיליאָנער פינעט. ער האָט בעזיצט א שעהן הויז, איינגעאָרדנעט מיט גרויס קאָמפאָרט און לוקסוס ווי מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען. ער האָט געהאַט א סטיינוויי מיט די שענסטע פערד, א גאַראַזש מיט פּרעכטיגע אויטאָמאָבילען, מיט איין וואָרט, אַלץ, וואָס עס בעזיצט אַן אַמעריקאַנער לעבעמאַן.

און דאָך איז דער מענש, וועלכען עס זיינען מקנא געווען טויזענדער מענשען, נישט אין דער אמת'ן געווען גליקליך. זעהר אָפט האָט ער געקוקט פאַר זיך טרויעריג פערטראַכט און א שאָטען פון טרויער האָט זיך בעוויזען אויף זיין שטערן.

אַזוי ווי ער איז נאָר איבערגעטרעטען די שוועל פון דער געקלייבערטער סטאַציע האָט ער א ציטער-געטון. ער האָט דערשפּירט, ווי עמיצער ריהרט אָן זיין האַנד, וועלכע ער האָט געהאַלטען פון אונטען, לויט זיין געוואוינהייט, און איהם אַריינגערוקט א בריף.

ער האָט זיך האַסטיג אומגעדרעהט. אָבער ער האָט שוין קיינעם נישט געזעהן. פאַר איהם, אונטער איהם האָבען זיך געטוגען טויזענדער אומבעקאַנטע מענשען.

ער האָט אָנגעקוקט א נייגעריגער דעם בריף, אויף וועלכען עס האָט זיך נישט געפונען קיין צוריק-אַדרעס.

(פאָרטזעצונג קומט)

איז שטורם פון ליידענשאַפטען.

שפּאַנענדער ראָמאַן, פול שטורעמדע איבערלעבונגען און ליבעס-אַוואַנטורעס.

(5-טע פאָרטזעצונג)

גאָט איך, אַן'אונגליקליכע דורך דיר, אַרויסגעשטויסען פון מיין פאָטערס הויז, אויסגעשלאָסען פון דער ירושה, קען קוים פאַרדינען אויף א שטיקעל ברויט, וואַלגער דיך ביי דער זייט פון אַן אַנדערער אין זוכער און לוקסוס. וואָס וועסטו געטון דיין פרוי, וואָס ליבט דיך ביז משוגעת! דו ווייסט, אַז איך האָב פאַר דיר געאָפּפערט אַלץ, מיין גליקליכע יוגענד, די ליבע פון מיינע עלטערן, דאָס פאַרמעגען, וואָס איך וואָלט בעקומען, מיין צוקונפט, אַלץ, אַלץ! דו האָסט בעהאַנדעלט מיר אויף א שענדליכען אופן און מיר פערשאַפט אַזוי פיל צער. אָבער איך קען דיך נישט פערלאָזען, הערמאַן! איך ליב דיך מיט דעם גאַנצען פייער פון מיין האַרצען! איך ליב דיך נאָך מעהר ווי פריהער!

איך האָב דיר געשוואוירען ליבע און טריי פאַר'ן אַלטאַר אין א גליקליכער מינוט, וואָס האָט לייבער, אַזוי קורץ געדויערט.

הערמאַן! איך בעשווער דיך, פערלאַז די, וועלכע מיינט, אַז זי איז דיין פרוי און קום צוריק צו מיר, וואָס איז דיין ריכטיגע פרוי! איך וועל דיר אַלץ מוחל זיין! דו ליבסט אָבער מיך נישט מעהר! ווי אַזוי האָסטו מיך געקענט פערלאָזען? גוט! איך מוז דיין ליבע אויפסנייע ערוועקען. איך קען עס! איך וויל עס!

שרעק דיך נישט איבער, הערמאַן, דערפון, וואָס איך האָב דיר נאָך צו זאָגען! כדי אויפצוטון צו געוואונען דיין ליבע, מוז איך זיך בעפינען נאָהענט נעבען דיר.

הערמאַן! איך ווייס, אַז עס איז אַן'אונגעהערטליכע זאַך דאָס, וואָס איך בעט דיך יעצט: נעם מיך צו אַריין אין דיין הויז! פערשאַף מיר דאָרט א שטעל אַלס דינערין פון דיין פרוי. איך בין זיכער, אַז ווען איך וועל זיך מיט דיר בעגעגנען, וועסט מיך ליב-האָבען און דו וועסט אָנערקענען דיין „פרוי" מיט איהר רייכטום. דעמאָלטס וועסט פאַרשטעהן אין מיינע אָרעמס און איך וועל דיר דעמאָלט אַלץ מוחל זיין און מיר וועלען זיין גליקליך!

האָב נישט קיין מורא, הערמאַן, אַז איך וועל זיך און דיך אויסגעבען פאַר דיין פרוי. דיין איצטיגע פרוי וועט נישט פריהער בעקומען וויסען, אַז איך בין דיין געזעצליך ווייב ביז דו וועסט זיך אָפּקעהרען צו מיר מיט א ריינער און אמת'ער ליבע.

בלויז איין יאָהר, אייניאונצוואַנציג יאָהר ערלויב מיר צו געפינען זיך אונטער דיין דאַך. אויב עס וועט זיך מיר נישט איינגעבען אין דער דאָזיגער צייט צו געוואונען דיין ליבע, דעמאָלט וועל איך דיר איבערלאָזען יענע און איך וועל זיך אָפּזאָגען פון מיינע רעכט אויף דיר! דעמאָלט וועל איך זיך אָפּרוקען אויף אייביג און דיך נישט שטערען אין דיין גליק.

הערמאַן! דו וועסט ערפיהלען מיין בקשה, וואָס וועט בריינגען דיין און מיין גליק! פּראָביר נישט אָפּזאָגען מיין פערלאַנג! איך האָב אין דער האַנט א מיטעל, כדי דיך צו צווינגען. דו ווייסט דאָך, אַז פאַר האָבען צוויי פרויען דראָהט א שווערע שטראָף.

מאָרגען נאָכמיטאָג וועל איך זיין אין דיין פּאַלאַץ און פאָרלעגען מיין דינסט דיין הויכגעעהרטער פרוי. דאָס איבעריגע וועל איך איבערלאָזען דיין פערשטאַנד, אונגעטרייער מאַן. דיין זאַך וועט עס זיין צו זאָרגען, אַז איך זאָל דורך דיין פרוי אָנגענומען ווערען און אַריינגעלאָזט ווערען אין דיין הויז!

דעמאָלט זאָל זיך אָנהויבען דער קאַמף פאַר רעכט און ליבע! דיין פערלאָזענע און אונגליקליכע פרוי תאַנדראַ".

דער בריף איז געווען געענדיגט. די יונגע פרוי האָט פאַרטיג אָפּגעצעטעט. דאָס שרעקליכע האָט זי שוין געמאַכט. מאָרגען הייסט עס זי נאָך לאַנגע יאָהרען צום ערשטען מאָל שטעהן פאַר איהר מאַן. מאָרגען וועט זי, די טאָכטער פון גראַף זאַנעגשאַל, בעטען א בעשעפטיגונג ביי דער פרוי, וואָס האָט צוגענומען איהר געליבטען מאַן.

זי האָט זיך, כמעט, דערשראָקען דערפון, וואָס זי האָט אָנגעשריבען און געפאָדערט פון איהר מאַן.

— עס מוז ענטשיידען ווערען! - האָט זי געזאָגט צו זיך אָפּעסטמדיג.

— איינע פון אונז מוז דיר אונטערגעבען! — איך אָדער זי! — גאָט העלף מיר!

הערמאַן! איך ווייס, אַז עס איז אַן'אונגעהערטליכע זאַך דאָס, וואָס איך בעט דיך יעצט: נעם מיך צו אַריין אין דיין הויז! פערשאַף מיר דאָרט

לאדזשער כראניק.

פון היינט אז 25 גראשען א טראמוואי-בילעט.

(§) פון היינט אן נעהט אריין אין קראפט דער נייער טאריף אויף די טראמוואיען. א בילעט וועט קאסטען 25 גר. מ'ט'ן רעכט זיך איבערצוזעצען פון איין טראמוויי אויפ'ן צווייטען. פון 4 ביז 9 פארטאגס וועט קאסטען ווי ביז אהער 15 גר. א בילעט, א נאכט-בילעט פון 11 ביז 4 — 30 גר.

יאהרצייט פון פרעזידענט צינארסקי.

(פ) נעכטען, אין טאג פון 1. יאהר-צייט פון שטאט-פרעזידענט צינארסקי איז אין דער קאטעדראלע אפגעהאלטען געווארען א גאטעס-דינסט. מצד'ן מאגיסטראט זענען געווען פערטרעטער די לאווניקעס קוק און האראשאן, מצד'ן שטאט-ראט פרעזעס האלצנער און וויצע-פרעזעס וואלטשאנסקי א. א.

צום דאקטוירים-צוזאמענפאהר אין לאדז.

(ט) דעם 13 ד. ח. איז אונטער'ן פאר-זיץ פון שטאט-פרעזידענט ושעמינצקי פארגעקומען א זיצונג פון ארגאניזיר-קאמיטעט פאר ארגאניזירען דעם קומענדען דאקטוירים-צוזאמענפאהר אין לאדז אין יוני חודש. אין ארגאניזיר-קאמיטעט זענען צוגעקומען אנדערע ארטען לאמנפיק יאנעל און לאזוויס ד"ר מאראב-לוס.

א יודישע טורן-האלע אויפ'ן נאמען פון ד"ר ל. פריבולסקי.

צו דער יודישער געזעלשאפט אין לאדז.

מיט'ן טויט פון דעם פון אלעמען געליבטען און געאכטעטען ד"ר ל. פריבולסקי, איז אוועקגענומען געווארען פון אונז, ספארט-מענשען, דער פיהרער און ראש, וועלכער האט פאקטיש געהאלטען אין דער האנד דעם פאדעם פון דער יודישער ספארט-באוועגונג אין לאדז.

דער פערשטארבענער האט ביז דעם לעצטען אטעם פון זיין לעבען, געשטרעבט זיך פאר א ציל צו קאנצענטרירען די יודישע מאראלישע און מאטעריעלע און שטארקער ארגאניזאציע, וואס זאל מיט איהר פערצווייגקייט און גרויסקייט זיין א מוסטער פאר דער יודישער טורן-באוועגונג אין פוילען.

געוועזענער ד"ר פריבולסקי אלס מענש און כלל-טוער איז שוין געשריבען געווארען אויף די שפאלטען פון דער פרעסע. מיר האבען דא נאר מיט דעם ווענדען זיך צו דער יודישער געזעלשאפט. אלס אנפיהרער, וועלכער האט מיט איהם מיטגעארבעט פון ערשטען מאמענט אן אויפ'ן געביט פון דער פיזישער און כאראקטעריסטישער דערציהונג פון דער יוגענד, איז מיר גאר בעקאנט געווען זיין גרויסע ליבע און פערשטענדעניש פון דער יודישער יוגענד. זיין שטענדיגער, בא יעדער געלעגענהייט, וואונש, האט ער, סיי אין אונזערע רייהען, סיי צווישען די, וואס האבען גאר נישט געהאט קיין שייכות מיט ספארט, תמיד מיט בעגייסטערונג ארויסגעשטעלט די פאדערונג פון א מאדערן-איינגעארדנטער טורן-האלע, וואס זאל ענטשפרעכען די פארשריטען פון דער פיזישער ענטוויקלונג. ער, אלס דאקטאר, האט זיך גוט געקענט באקאנט מאכען מיט דעם, וואס די יונגע מיידלאך און יונגען האבען פאקטיש נישט געהאט קיין מקום, וואו זיי זאלען זיך קענען ווי געהעריג פיזיש און גייסטיג ענטוויקלען. זיין הארץ האט געווייטאגט, זעהענדיג ווי מיר האבען גארנישט קיין אייגענע היים און צוגעפאל נישט קיין אייגענע טורן-האלע.

אלס נאהענטער מיטארבייטער דעם פון אונז אלע געאכטעטער ד"ר ל. פריבולסקי ז"ל ווענד איך זיך צו דער יודישער געזעלשאפט אין לאדז, אז זי זאל העלפען פערווירקליכען זיין ציל, וואס איז געווען, ווי מיר האבען שוין דערמאנט, שאפען א טורן-האלע פאר דער יודישער ענטוויקלונג.

מיר ווייסען זיכער, אז מיט דער פערווירקליכונג פון דער טורן-האלע, וואס וועט געשעהען מיט'ן אויפבויען פון דער טורן-האלע, וואלט די יוגענד אפגעהאלטען געווארען פון די כל-ערליי נאכט-לאקאלען, קאפעס און אנדערע דעמאראליזירענדע פערוויילונגען.

די יודישע געזעלשאפט, וואס איהר איז טייער דאס אנדענקען פון ד"ר פריבולסקי, וועט געוויס מיטהעלפען אין דער ארבייט פון שאפען א טורן-האלע אויפ'ן נאמען פון ד"ר פריבולסקי. דאס וועט זיין דער בעסטער דענקמאל פון פערשטארבענעם. און בעלעבען זאל דער אנדענקען פון אונפערגעסליכען פערשטארבענעם עסקן.

ל. קארפאווסקי.

פאבאר פון יאהרגאנג 1907 דעם 2. מאי.

(§) דער לאדזשער שטאטס-מאגיסטראט האט פערעפענטליכט דעם פלאן פון פאבאר פון די יונגעלייט, וואס זענען געבוירען אין 1907 און אויך די פון עלטערע יאהרגאנגען פון 1883 ביז 1904 אינשליסליך, וואס האבען נאך ביז אהער נישט רעגולירט זייערע מיליטער-עניינים, ארויסשטעלען פון די יאהרגאנג 1905 און די פרייוויליגע פון 1908, 1909 און 1910. דער פאבאר הויבט זיך אן דעם 2. מאי. די פון יאהרגאנג 1907, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 2. 3. 5. און 8. קאמיסאריאטען, דארפען זיך שטעלען צו דער קאמיסיע נר. 1 אויף פאמאראנסקא 18. די, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון די איבריגע קאמיסאריאטען און אויך די צודא-טשיגיעס פון 1905, דארפען זיך שטעלען צו דער קאמיסיע נר. 2 אויף גראבסקא 40. אלע איבריגע דארפען זיך שטעלען צו דער קאמיסיע נר. 3 אויף זאכאדניא 82.

כדי צייטליך אויפצוהאלטען זיך צו שטעלען צום פאבאר וועלען נאך געשטראפט ווערען.

בויעס וועלכע אדרעס-שטעלען דארפען ווערען שטעמפלען ביז 14 מאי. נאכ'ן אנערקענען דעם מיליטער-פליכטיגען פאר דיענסט-פעהיג ווערען זיי אויף "אפלעגעס" דארף מען אפגעבען בויעס אין טאג פון פאבאר צו דער שטאט-קאמיסיע.

פאר נישט שטעלען זיך צום פאבאר דראהט א שטרענגע שטראף.

ספארט.

צום היינטיגען גראנדיעזען ספארט יו"ט.

די פייערליכע עפענונג פון צוקלוס-מעטשען, קומט פאר היינט 8 פריה אויף מאכסמאנסקעמער 4. ס'נעמען אנטייל 25 ספארט-פערייניגונגען פון לאדז און 6 — פון דער פראווינץ. ס'נעמט אויך אנטייל דער לאדזשער יודישער טורן- און ספארט פעראיין "מכבי" מיט די פערוואלטונגס-מיטגלידער די ה"ה י. גראוס און ל. קארפאווסקי, פלאז-ארקעסטער און צוויי-לינגען-טעכניקער מיט איהר קאמאנדאנט ה' דלל שטראנזיס אין דער שפיץ.

צוליב דער גרויסער אבלה, וואס "מכבי" האט געליטען מיט'ן טויט פון איהר פרעזעס ד"ר לאזאר פריבולסקי ז"ל, וועלען אלע מיטגלידער פון "מכבי" טראגען טרויער-צייכענס. פאר'ן אדרעס-מארש דורך דער שטאט (פונקט 9 פריה) וועט אויפ'ן פלאץ געשפילט ווערען א טרויער-מארש.

א שרפה אין א מישלעריי.

(:) פריטאג 7 אזייגער האט אויסגעבראכען א שרפה אויף וואלטשאנסקא 27 אין דער מישלעריי פון ה' קרביק, בעדראהענדיג די מעקסמול פאבריק פון דער פירמע זשלצער און שותפים.

די פייערלעשער איז געלונגען די שרפה אויסצולעשען. דער שאדען איז אומבעדייטענד.

א שרפה אין א שטיבעל.

(ג) האנשערשטעא, דעם לעצטען טאג פסח איז אין גרויסען אלעקסאנדערער שטיבעל (זאלאזניא 56) פארגעקומען א שרפה צוליב א יארצייט-ליכט, וואס איז אנגעפאלען אין עמוד, וואס האט זיך אנגעצונדען. צום גליק איז אנגעקומען א יונגערמאן, וועלכער האט אויסגעלאשען די שרפה.

J. LUKASCHIK Fabryka Mydła

געגרינדעט אין 1845 TARNOWSKIE-GORY געגרינדעט אין 1845

עמפעהלט איהרע בעקאנט-ערשטקלאסיגע אויסארבייטונג אין טוילעט-זייפען, מיט דער געזעצליך געשיצטער ספעציעל-מארקע

MŁOTEK I PERLIK

וועלכע שטעהט העכער הויך אין איהר קוואליטעט, זעהר פיינע טואלעט-זייפען אין היגיענישער געשמאקפולער פערפאקונג, ווי אויך הויכפראצענטיגע זייפען-פולווער מיט דער מארקע „Polonja”, אין דער בעסטער קוואליטעט.

די פראבע מיט מיינע אויסארבייטונגען פערזיכערט אייך א לאנג-דויערנדע קליענטעלע.

גענעראל-פערטרעטונג פאר לאדז:

Ignacy Kuczyński i Arnold Karpf, Łódź, Piotrkowska 121

Telefon 47-77.

בלוטיגע ליבעס-טראגעדיע אין כאינע.

פריטאג האט זיך אין לאדזער אפגעשפילט א בלוטיגע ליבעס-טראגעדיע. די דארטיגע איינוואוינערין פראנציסקא וואלענטא, א ארבייטערין פון טעקסטיל-מאן 22 איז זייט א לענגערער צייט געווען פערליבט מיט א יונגערמאן זיגמונט לארושעווסקי, פון פראנציסקאנסקא. די חתונה האט געזאלט פארקומען אין א קורצער צייט ארום. מיט איינגע טעג צוריק האט די כלה זיך דערוואוסט, אז דער חתן איז א שכור און א וואלגער יונג און זי האט בעשלאסען מיט איהם אפצורייסען. בעת דער חתן האט זיך דערוואוסט וועגען בעשלוס פון זיין כלה, איז ער געקומען אין דער וואוינונג פון אנדרע'ס עלטערן און דארט געמאכט א גרויסען סקאנדאל, דראהענדיג זיך נוקם צו זיין. פריטאג 9 אזייגער איז די כלה אהיימגעגאנגען דורך דער מושינער גאס און א געוויסער פלאץ איז ארויס פון א בעהעלטעניש לארושעווסקי און לכתחילה געבעטען זי צו בשחיטען, זי זאל צוריקציהען איהר בעשלוס. זי האט אבער פון גארנישט געוואלט הערען, דא האט דער שלעכטער חתן ארויסגעכאפט א מעסער און געמאכט דעם מיידעל עטליכע שווערע אטאקען. בעת האט מיידעל איז א פערזעלבסט געשלעפט אויף דער ערד און דער מערדער אנטלאפען.

די שווער פערוואונדעטע וואלענטא האבען דארטיגע געפונען אין א נאך-פערהעלטען צושטאנד. א אמבולאנץ האט זי אפגעפיהרט אין שפיטאל, וואו זי ראנגעלט זיך מיט'ן טויט.

פאליציי זוכט דעם אנטלאפענעם מערדער.

„ארבייטס-פאווילאן”

אויף דער אויסשטעלונג אין פויזען.

לויט דער אינפארמאציע פון ארבייטס-מיניסטעריום וועט ארגאניזירט ווערען א "ארבייטס-פאווילאן" אויף דער לאנד-אויסשטעלונג, וואס וועט איינגעארדענט ווערען אין פויזען אין יאהר 1929. דער דאזיגער פאווילאן מיט דער הילף פון פלאסטישע עקספאזיציע וועט פארשטעלן די דערגרייכונגען פון פוילען אין די לעצטע 10 יאהר אויפ'ן געביט פון געזעלשאפטליכער פערזיכערונג, פערזיכערונג פון ארבייטסלאזע, ארבייטס-פערהעלטנישן, שוץ, ארבייטס-אינספעקציע, פראפעסיאנעלע ארגאניזאציע, א. א. אויף ארגאניזירען דעם פאווילאן האט די רעגירונג פעסטגעשטעלט 200,000 זל. א חוץ דעם וועלען די בעווארטענע פערזיכערונגס-אינסטיטוציעס געבען אויף דעם צוועק 800 טויזענד זל. צוזאמען אלזא 1 מיליאן זל.

גרויסער פייערלעשער-צוזאמענפאהר אין לאדז.

(§) דעם 30 יוני און 1 יולי וועט אין לאדז אפגעהאלטען ווערען א גרויסער פייערלעשער-צוזאמענפאהר מיט דער בעטייליגונג פון פייערלעשער פון דער גאנצער לאדזשער וואיעוואדשאפט. אין צוזאמענפאהר זאלען זיך בעטייליגען ביז 30 דרוזשינעס אין 3000 פייערלעשער. דעם פראטעקטאראט איבער'ן צוזאמענפאהר האט אנגענומען דער וואיעוואדע.

די פראפעסיאנעלע „ארט”-קורסען.

אויף די פראפעסיאנעלע קורסען פון דער "ארט"-געזעלשאפט ווערען אנגענומען נאך איינשרייבונגען אויף פאלגענדע אפטיילונגען: 1) מכאנישע וועבערייען ענגליש-גלאז און קארירט, קא"ט וזשאקארד מיט גאבעלין און קילים, אויך זייד, 2) צושנייד-קורס פאר מענער-שניידער, 3) צושנייד-קורס פאר דאמען-שניידער, 4) רונד-קראפט זאקען אויף "קאראנא", "אדלער", "פאקסים", "סטאנדארט" און "אמעריקאנער", אויך "זשאקארד" זאקען-ארבייט, 5) שטאפער, 6) מכאנישע שולען אין טריקא, 7) טריקא-הענטשקעס אויף שליכען-מאשינען, 8) האנד- און מאשין-שטיקערייען, 9) טאלעדא און אלע אנדערע צויניקען, 9) פאניקיר, 10) אנדולאציע. די איינשרייבונגען הויבען זיך אן חול-המועד פסח אין ביורא פון "ארט" וואלטשאנסקא 27 אין די ביורא-שעהן.

די עלטסטע זייף-פאבריק אין אויבערשלעזיען.

די שוין בעלד זיבעציג יאהר עקזיסטירענדע זייפען-פאבריק אין אויבערשלעזיען י. לוקאשיק אין טארנאווסקי-גורי פערנעמט דעם ערשטען ארט פון דער בראנזשע אין אויבערשלעזיען. די פאבריק ארבייט אויס די בעסטע סארטען זייף פון די בעסטע רויה-שטאפען צו קאנקורענצלאזע פרייזען. די פאבריק האט נעטעדים פון די בעסטע פאך-לייט און לויט דעם לעצטען הערט פון דער היגיענע און טעכניק. די פירמע לוקאשיק טארנאווסקי-גורע ארבייט אויס א חוץ די זייף פון דער בעקאנטער ספעציעל-מארקע "שלאגבאל און פערל" אלערליי מינים זייפען פאר'ן שטוב געברויך, פון וועלכע עס איז בעזונדערס צו רעקאמענדירען די הויך-פראצענטיגע מארקע "פאלאניע". די מיט איניגע חדשים צוריק ארויסגעלאזטע אויפ'ן וואונש פון די קאנסומענטען גוטע טואלעט-זייף האט זעהר א גרויסען אפגאנג. ווי מיר דערוויסען זיך איז די פערטרעטונג פאר דער לאדזער וואיעוואודזטווא פון דער פירמא לוקאשיק איבערגעגעבען געווארען צו דער פירמע ארנאלד קארפ און איגנאצי קוטשינסקי, לאדז, פיעטרקאווער 121. אין אלע עניינים פון דער פירמע לוקאשיק דארף מען זיך דעריבער ווענדען אין לאדז אויף דער דערמאנטער אדרעס.

די פייערליכע אקאדעמיע

לכבוד דער 8-יעהריגער עקזיסטענץ פון „ירדניה”.

(ג) אין אנוועזענהייט לאזאל אויף פאלודניצע 36 און פולע סאל פון אורחים, איז געווען פאר'ן פארזיץ פון מאגיסטער שטרויך, פארגעקומען די 8-יעהריגע עקזיסטענץ-פייערונג פון ציוניסטישען אקאדעמישען פעראיין "ירדניה".

דער זאל איז געווען הערליך דעקארירט און יום-טוב'דיג אילומינירט. אויף די עסטראדע איז געווען געצייכנט אין בלוי-ווייסען, מיט דער פאהן פון "ירדניה".

מאגיסטער שטרויך עפענט די יובילעאום-פייערונג מיט א רעדע, אין וועלכער ער שטעלט זיך אפ אויף דער גרויסער פערגאנגענהייט פון "ירדניה", וואס האט זיך געשטעלט פאר א ציל, צו מאביליזירען ארום זיך די יודישע יוגענד, צו ערציהען זי אלס ציוניסטען, פרייוויליג צו דינען די ארמע פאר דעם זיגרייכע אויפגאבען פון דער ציוניסטישער ארבייט.

דאס וואקסען און ענטוויקלען זיך פון לאדזשער "ירדניה" איז א בעווייז פאר'ן ציוניזם און פאר דער ארץ ישראל אויפבוי.

דערויף האלטען בעגריסונגס-רעדעס אינ'ם נאמען פון צ. כ. פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילען, ד"ר ראזענבלאט, אינ'ם נאמען פון "מזרחי" — ראבין. י. מ. בירענבוים, מצד דעם קרן קימת לישראל — ה' מרחיב, מצד דעם "קרן היסוד" — ש. ז. ראבינאוויטש, אינ'ם נאמען פון לאדזשער ציוניסטישען קאמיטעט — ד' קארא, אינ'ם נאמען פון "השומר הצעיר" — ה' וויסמאן; ווייטער בעגריסען: ה' ראזענטאשינסקי מצד דעם צ. ק. "ירדניה", מאגיסטער שטרויך, מצד דער "געזעלשאפט פריינד פון ירושלים'ער אוניווערזיטעט".

דאן ווערען געלעזען בעגריסונגס-דעפעשען פון יודישען פעראינען באצירק-ראדם, ירדניה אין ווארשא, ד"ר פערלמוטער, משה לאנדשטיין, משה האלפערין, וואלף, פון "ירדניה" אין נאנסי, דרצלית אין לובלין, ירדניה — פאטאמינו.

דעם אויף געדרוקטען רעפעראט האט ה' זאנדער (פאליש), אראבערגעגעבען. די אויפגאבען פון "ירדניה" פיהרט ער אויס, אז "ירדניה" ציוניזירט די יודישע יוגענד, ווי די יודישע יוגענד געפינט זיך איצט אין קאמפף פון דער יודישער אויסערער סביבה — צו באשיצען איהר נאציאנאלע עקזיסטענץ צום יודישען פאלק. א שלום האבען נאך "ירדניה".

די פייערונג ענדיגט זיך מיט א ציוניסטישער לידער, געזונגען פון גרויסען יודישען יום-טוב'דיגע געשטימטען עולם, און מיט דער התקוה.

25-יעהריגער יובילעאום פון יצחק קאצענעלסאן.

הכנות צו דער גראנדיעזער פייערונג אין פולען גאנג.

דעם 2. מאי קומט פאר די גראנדיעזע יובילעאום-פייערונג, וואס פאלט אויס לכבוד דער 25-יעהריגער ליטעראַרישער טעטיגקייט פון אונזער בעליבטען דיכטער יצחק קאצענעלסאן.

יצחק קאצענעלסאן איז איינער פון די פארשטעלער פון יודישע שרייבער אין דער נייער יודישער וועלט. פיל פון זיינע לידער ווערען געזונגען פון די ברייטסטע יודישע פאלקס-שיכטען, אבער בעזונדערס בעליבט און פאפולער איז ער אין לאדז, וואו טויזענדער תלמידים פערעהרען איהם, די אויפגעקלערטע און פיל מיט דיכטערישער סימפאטיע פערמאגנעטישער מחה פאר דער ערציהונג פון זיינע קינדער.

א גאנץ דור האט יצחק קאצענעלסאן ערצויגען אין לאדז און זיינע טויזענדער געטרייע תלמידים גרייטען זיך מיט בעזונדערער פייערלעכקייט און ליבע צו פייערן דעם יובילעאום פון זייער מורה און פאעט.

דער 25-יעהריגער יובילעאום פון יצחק קאצענעלסאן זאגט זיך אן צו פערוואנדלען זיך און ווערען א גרויס קולטור-געשעהעניש פון אונזער שטאט.

זאל פילהארמאניע נארוטאוויטש — 20 —

גאסטראלען פון די בעליבטע לאדזער ארטיסטען

חנה לערנער, דוד ווידערמאן

היינט זונטאג, דעם 15-טען 9 אזייגער צו ביליגע פרייזען

אין נאמען פון גאט

אין 3 אקטען מיט פראלאג פון שטיינבערג.

הויפטראלען יהושיעלע—חנה לערנער, יצחק—דוד ווידערמאן.

מאנטאג 9 אזייגער גרויסע פאפולערע פארשטעל, פון 1 ביז 2.50

דער מאסקירטער

אין 3 אקטען מיט פראלאג און עפילאג פון ראקאוו

הויפטראלען טעסיע—חנה לערנער, סיימאן דוד ווידערמאן.

טענץ איינשטודירט פון טאנץ-מייסטער ב. ליבאוויטש.

ל. זעלמאנ.

לייב-ביבליאטעק

א. נ. פון

א. אייזענשלאס

פאלודניאווא 11, לינקע אפיצינע.

אין טעג: מאנטאג, מיטוואך פון 6 - 10 אוו. שבת פון 1—10 מיטאג און פון 6—10 אבענד. איינשרייבען קען מען זיך יעדען טאג פון 6 - 10 אוו.

א בראנזשיסט

פון געפארבטע און מאצוזירטע גארן, וועלכע איז געווען א אנגעשטעלטער בא גרויסע פירמען און האט גרויסע קאנטאקטען מיט זאקען-פאבריקאנטען זוכט א מאכער ליסט פון 1600 ביז 1500 דאלאר. אפערטען אפצוגעבען אין „לאדזער טאגעבלאט" אונטער „גארן בעשעפט".

פון דער רייזע צוריקגעקומען

Dr. Ludwik Falk

ספעציאל-ארצט

פאר הויט- און געש עכטס-קראנקהייטען

גאווראט ,, טעל. 7-69

נעהמט אן פון 10 — 12 און פון 5 — 7 אזייגער

טליתים-פאבריק

אויסארבייטונג פון וואלענע, האלב-וואלענע און זיידענע טליתים כשר מערקישע, יעראגלאנער און קא-לאבריער, ווי אויך טליתים-קטנים תורה אין דערטייל, מיט אויסארבייטונג, אויך גארטלען. ספעציעל ציצית צו בעקומען ביליגער ווי איבעראל בא

א. ה. צישרינאווסקי

קאמיענגא 1, אין 2. טויער, פארטער.

בנ.: פ הערט אויך אנגענומען אלע טליתים צו וואשן.

צאהן-ארצט

ה. זוירער

(דער עלטערער) וושכאדניא 49

ווענדיג 8 לעגגערע צייט אין דער שווייץ אין צוריקגעקומען

נעמט אן צו פלאמבירען, ציהען ציינער ווי אויך קינסטליכע ציינער מערק אויסגעפיהרט לויט דער לעצטער אויסלענג. מעסיגע פרייזען.

עלטסטער פעלדשער

מ. ראזענצווייג

וושכאדניא 20. — געהיימער פעלדשער

פעלדשער אין באזשענסקי'ס שפיטאל

העלט אויך געשטערן אלער ארט לויט מעטאדע פון פרעס. ביער—צאהן פערצייכנונג.

עלטערן!

פאר 3 זלאטעס א חאדר

קינדער האט לערנען אין מעלקס-ולען: חומש רש"י ג'ך סעמינאר, נביאים יהודות, מען הערבעטאיש און יודישע ברית ...

... י. ה. ראזענפעלד פלאץ ...

א פארארע 3 זל

והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר מה זאת ???

17 פיעטריקאווער 17

ואת אלין זאלסט די איהם זאגען, אז נאר אין די אויבענדערמאנטע ביורא וועסט געקענט בעקומען לויט'ן ... אלערליי ביטעס, קלאוויזעס, ... אלע שטעט אין פוילען, עקספאזיציעס, קארנע און ציוויליזאציעס, ... אין אלע טשע ...

י. מאנעלא רעכטס-קאנסולטאנט.

פאדערט איבעראל

פעלד-בעטען

מערוגקען מיט דער מארקע

Pal..-Patent

...

מאטראצען

... פאלאזנא 24, טעל. 31-85

געזעלען

I קאטעגאריע, פערמאנענטווארטליכע זוכט שניידער-... ס. פאגעל. פיעטריקאווער 12.

רעטשניצע

פון דאקטוירים - ספעציאליסטען און דענטיסטישער קאבינעט

אויף גוטער מארק

פיעטרקאווער 294 טעל. 22-89

(ביי דער סטאנציע פון פאביאניצער טראמוויי)

נעמט אן קראנקע אויף קראנקהייטען פון אלע ספעציאליטעטען פון 10 פריה ביז 6 נאכם.

פיזיק-כעמישע אנאליזען.

[סין: אורין, מאגנסאפט (צואה), שפייכעל, א.ז.ו.] אפעראציעס און אפטאמענטען

אן עצה 3 זל.

וויזיטען אין דער שטאט

די היילזקסטען און פערבאנדען לויט בעשלוס ... טעראפיע, קינסטליכע ציינער, גאלדענע און פלאטין-קראנען און ...

יעדען זונטאג און חגאות ביז 2 אזייגער נאכמ.

א קוואליפיצירטע

קרוים-פיהרערין

...

די סענסאציאנעלע געשיכטע פון א בעריהמטער פאריזער טענצערין.

(ענדע פון זייט 4).

דער ה...ונג... ער האט איהר ער־קלערט, אז נאר זי אליין קאן איהם אין דעם בעהילפיג זיין, אז נאר זי אליין קאן מאכען, אז ער זאל זיין ערפאלגרייך.

און צוגעהויבּ האט די קליינע דאנסא נים געוואלט אננעמען דעם פארשלאג זיינעם. אז זי זאל ווערען א שפיאנקע און זאל זיך נעמען ... בעקאנטע און נעטע פרויינד, האט אבער דער גראף אפעלירט צו איהר און נאמען פון דער ליבע, און נאמען פון איהר איבערגעבענהייט צו אים און דאנסא האט איינגעוויליגט צו ווערען א שפיאנקע. זי איז אוועקגעפאהרען קיין פאריז און גלייך אנגעהויבען בעארבייטען אלע בעקאנטע איהרע. דערהויפט האט זי זיך אפגעגעבען מיט מאטע־הארי, וועלכע האט צו יענער צייט געשפילט אזא גרויסע ראלע, אז די ווילהעלמינע מיניסטערען, די מעלי־טערישע געגעראלען זענען בייז ... פון געלעבען.

און איינמאל איז פאריז איבערראשט געווארען פון דער נייעס, אז מאטע־הארי האט ערגיץ נים בעוועהן און אז זי איז פערשוואונדען געווארען פון איהר הויז. די נייעס האט ארויסגערופען א שרעקליכען געפילדער אין פאריז, וואו פילע־ענדער און טייערער האבען פער־זעהליך געקענט מאטע־הארי. איינציגע מאל שפעטער איז ווידער בעקאנט גע־מאכט געווארען, אז מאטע־הארי האט פערצווייפעלט ... דערלאזט. ווען זי האט פערראטען פראנקרייך, זי איז דערשאסען געווארען ... קענער האט זעלבסטפערשטענדליך נים געוואוסט, וואס פאר א ראלע ... פראנס, אדער די פלוצלינגער געשמאס ... האנסא ווינג, האט געשפילט אין דעם ערשטען אין דעם טויט פון מאטע־הארי.

גלייך נאך דעם טויט פון מאטע־הארי, די בעליהמטע און וועלטבערומטע טענ־צערין, איז די שהנע און ... אויסגעצייכנדע דאנסא ווינג געווארען נאך אנ'אנדערע. זי האט אנגעהויבען שפילען נאך א גרויסע ראלע און די תיאטער. זי האט צוגעהויבען טראגען די שענסטע און קאסטבארסטע קליידער. און די אריסטאקראטישסטע געזעלשאפט האט מען וועגען איהר אנגעהויבען רעדען און זי האט אליין אנגעהויבען פערנעמען דעם ארט פון דער טויטער מאטע־הארי.

די גאנצע צייט איז זי האט געהאט א שפיאן. עס ווערט בעהויפטעט, אז זי האט אפילו דאן שוין גישט געהאט קיין לויבעס פאר איהר ארבייט. אבער איהר ליבע צו איהר חתן איז געווען אזוי האט צו זיך קען גלויבען נים גע־האט. טראץ דעם, וואס זי האט שוין צו יענער צייט געהאט אזוי פיל פערדינער, איז זי נאך אלץ געווען די פאמעט אומשולדיגע מיידעל פון דער שווייץ און זי האט נאך אלץ נים געקאנט זיך אפגעוואוינען פון איהר אומגעבעטענע לעבען פון רוה און אומשולדיגקייט.

און געוויסע ערטער האט מען געטראפען א פערהאלט, אז זי איז א שפיאן, אבער דאס האט פאקטישען איהר אלץ נים אבגעשראקען. איינמאל איז איהר געליבטער געקומען צו איהר און אליין אויד געזאגט, אז זי דארף טאן א געוויסע ארבייט, וואס שמעקט מיט טויט. „אויב מען זאל זיך נאר חארט דערוויסען, אז איהר זענט אנ'אגענט פון דער פראנצויזישער רעגירונג, דאן זייט איהר א „טויטפאלענע”. זי האט אבער מיט א שמייכעל ערקלערט, אז זי וועט די ארבייט אויספיהרען אין זיין אין דעם ערפאלגרייך.

זי איז אוועק פון פאריז און זיך בע־זעצט אין דער שווייץ. דארט האט מען איהר נים געקאנט דערקענען. זי איז גע־ווען נאך אנדערש. און אלעמען האט די קליינע האנסא ווינג געהאט א טא־לאנט זיך צו פאבען אזוי מאסקירען, אז מען זאל איהר נים קאנען דערקענען. אין דער שווייץ און שפעטער אויך און אנ־דערע מדינות, וואו עס האט נים גע־הערשט קיין מלחמה, האט זי געארבייט אלס א שפיאנקע און איז געווען אזעטער דער דייטשער ... פון איהר גע־ליבטען, דעם גראף דע־שוילי.

זענען און איהר דאטען פערליבט גע־ווארען די גרעסטע געגעראלען און גראפען און הויפט מיליטער. זי האט זיי די קאפ פערדרעהט. זי האט אליין אנ־געהויבען צו יענער צייט גלויבען די צו־קונפט איהרע. וועלכע פרוי האט עס נים קען הנאה, ווען זי ווייסט, אז מענער זאלען זיך אין איהר פערליבען? און איהר האט זיך פערליבט א דעמסעלבער אגענט, און זי האט פון איהם ארויסגע־קריגען א סך סודות. אינטערעסאנט און אויך, אז און איהר האבען זיך פערליבט פראנצויזישע אגענטען, וועלכע האבען נים געוואוסט ווער זי איז. אויך דעם אופן איז ... אנדער געלונגען ארויסצוקריגען פון וועלכע פון די פראנצויזישע שפיאנען פערטרויליכע נאכריכטען און וועלכע נים; אויך וועלכע מען קאן זיך פארשטעלען און וועלכע זענען ... א סך אגענטען פון דער פראנצויזישער רעגירונג, וועלכע האבען געלעבט א גע־מען מאג אין דער שווייץ און אין אנדערע לענדער און וועלכע זענען ... פאר אינטערעסאנטע נאכריכטען. ... האבען, נאר נים גע־וואוסט, אז זיי האבען דאס געהאט צו פערראטען האנסא ווינג.

עס האט זיך דאן פערשפרייט א קלאנג אין די קאפעס פון פאריז, אז די ליבע צווישען גראף דע־שוילי און דער שווייצערישער מיידעל איז צו ענדע; אז זי האט אנדערע געליבטע.

אבער דאס האט זי געמאכט, כדי אפ־צונארען די וועלט. זי האט נים גע־וואלט, אז די אנדערע רעגירונגען הא־בען אנגעמערקט אין פאריז, און זי האט געוואלט, אז זיי זאלען ווירקליך גלויבען אז זי האט פערגעסען איהר חתן.

ווי עס ווייזט אויס, האט אבער איין אגענט פון דער דייטשער רעגירונג זיך פארט דערוואוסט דעם אמת וועגען האנ־סא ווינג. א פאר טעג שפעטער דאס אויך האנסא ווינג זיך דערוואוסט, אז מען ... שוין פון איהר סוד, און אז די ... די פראנצויזישע רעגירונג האט שוין מעהר קען ניצען ניט געקאנט האבען פון איהר. איז גראף דע־שוילי גלייך צוריק געווארען דער גע־ליבטער פון האנסא ווינג און אין א קורצער צייט ארום האבען זיי חתונה געהאט.

דער גראף האט געשריבען א בריעף, אז ער זאל ארויספאהרען אויף א ווינ־טער ... שטענדיג. און ער האט מיט זיך גענו־מען זיין שעהן וויבעלע. עס האט און אז דויט אויסגעוויזען, אז בעידע זענען זעהר גליקליך. אבער דאס איז נאר געווען פאר די אויגען, וואס האבען נים געזעהן ... און וועגען און איהר הארץ, דער אמת איז געווען, אז זי האט שרעק־ליך געליטען. דער טויט־שרעק, וואס זי האט איינגע יאהר איבערגעלעבט אין פאריז און און דער שווייץ, וואו זי איז געווען די פערגעסטע שפיאנקע, האט גע־רויבט איהר נשמה. זי האט קיין רוה נים געפינען. זי איז געווארען א צובראכענער שארבען און זי האט אלץ מעהר און מעהר אנגעהויבען קלאגען מיט פערזאל־טונג וועגען איהר טאן.

גראף דע שוילי האט געמיינט, אז דורך דעם וואס ער וועט אלץ מעהר און מעהר וועגען פון צוויליזאציע, אלץ מעהר און מעהר וועט איהם געלונגען צו ווערען, אז זיין פרוי זאל פערגעסען איהר פער־גאנגענהייט; אבער עס האט זיך איבערגע־לאזען נאר פערקעהרט. האנסא האט זיך אלץ מעהר און מעהר געפיהלט אומגליק־ליך. זי פליגט זיך און מוטען נאכט אויפכאפען מיט שרעקליכע געשרייען, זי האט געוויינט און געצאפעלט גאנץ אזוי אהן א פארוואס. זי האט און אלעמען זיך אויפגעפיהרט אזוי ווי זי וואלט געווען קיין יונג, געליבטע, פערהייראטע ווייבעל, נאר איינע וואס חאסט איהר מאן.

און אין פרוהמארגען האט דער גראף זיך אויפגעכאפט און צו זיין איבערראשונג דאס ער דערזעהן, אז זיין פרוי איז נישטא איהר בעט איז געווען איבערגעוואַרפען. לאנג, אז זי האט זיך נאר נים געלעגט שלאפען. ער האט אנגעהויבען איהר זו־כען און נאכפרעגען און ער האט זיך דער־קונדיגט, אז יענעם פרוהמארגען איז פערבייגעגאנגען א קאראוואן און זי איז אוועק מיט דעם קאראוואן, נים זאג־ענדיג אפילו קיין זייגעזעגענונג צו איהם.

דער גראף האט געמיינט, אז זיין פרוי איז ערגעץ אין פראנצויזישער אפריקע. ער האט מאנאטען לאנג אומגעזוכט. אבער ענדליך האט ער געקריגען פון איהר א בריוו, און וועלכען זי האט איהם געשריבען, אז ער וועט איהר שוין קיינמאל נים זעהן און ער זאל איהר מחילה זיין, וועל זי וויל איהם נים שעמען. דער בריוו איז געווען פון שפא־ניען און זי האט איהם געשריבען, אז זי איז פערליבט אין א צווייטען, און אז ... האט זי אנגעהויבען דער־... דאס אמת'ע גליק פון לעבען.

(ענדע מארגען).

דאס יודישע אויפבוי־ווערק און זיין פארטשריט.

(ענדע פון זייט 4).

1927 זענען צוגעקומען גייט 20 „ארט”־ארגאניזאציעס אין אמעריקא און 6 „ארט”־קאמיטעטען אין דרום־אפריקע.

כאראקטעריזירענדיג די נאהנטע אויפגאבען פון „ארט”, קוטט ד"ר סינגאלאוויטשקי צום פאלגענדיגען אויספיהר: „ווי גרויס עס זאל נישט זיין דער ווערט פון דער אויפבוי־הילף פאר אמעריקאנישע אדער מערב־אייראפעאישע קאמיטעטען, האט די פערווירקליכונג פון דער היסטארישער אויפגאבע סוף כל סוף אפ־הענגען דערפון, ווי ווייט עס וועט גע־לינגען צו ארגאניזירען די אויפבוי־ענער־גיע פון די יודישע מאסען אין מזרח־אייראפע און פערוואנדלען זי אין מצבים דער וואוקס פון „ארט” איז פערבונדען מיט דעם סיסטעמאטישען וואוקס פון די שעפפערישע כחות פון דעם מזרח־אייראפעאישען יודענטום”. —

בעקאנט זיך פערנעמען מיט דער גרינ־דונג פון ספעציעלע דערגענצונגס־קורסען און אינספעקטאראטען פאר לערן־יונגלעך אזעלכע אנשטאלטען זענען געגרינדעט געווארען אין אדעס, מינסק און קיעוו. אין יאהר 1928 דארפען געגרינדעט ווע־רען מוסטער־ווארשטאטען פאר דרוקער־סטוע, כדי ארגאניזירען די דעטאלפיר־טע שיכטען פון דער בעפעלקערונג אין פראדוקטיווער ארבייט.

סך הכל האט „ארט” אין 1927 יאהר געשטיצט 69 שולען מיט 4750 שי־לער, די דאזיגע ארבייט איז מעגליך געווען נאר א דאנק דער איבערגעגעבנקייט פון די לאקאלע קאמיטעטען פון „ארט” און דער הילף פון דער יודישער בע־פעלקערונג אין די שטעט, וואו די בע־טרעפענדיגע אנשטאלטען געפינען זיך.

אין לעצטען יאהר זענען פון „ארט”, „דזשאינט” און „יקא” בשותפות ארגאני־זירט געווארען אין פוילען קורסען פאר אינסטרוקטארען און אויך א טאג־קאנ־פערענץ פון די פערוואלטער פון די יו־דישע האנדווערקער־שולען.

3.) דעם אויפבוי פון דער יודישער מלאכה האט „ארט”. אין משך פון דעם יאהר זענען יודישע האנדווערקער פער־זארגט געווארען מיט בעצייג אויף קרע־דיט אויף דער סומע פון 160,000 דא־לאר, אפעטלונגען פון דער קאאפעראטי־ווער איינקויף־גענאסענשאפט פון „ארט” פונקציאנירען אין ליטע, לעטלאנד, פוילען רומעניע (בעסאראביע און בוקאווינא) און רוסלאנד.

פאר אלע פון איהרע וויכטיגסטע פונקציעס האט די צענטראל־פערוואלטונג פון „ארט” בעטראכט די אויפגאבע צו פערשטארקען די ארגאניזאציע — יסו־דות פון דעם פערבאנד. אין פוילען איז מיט ערפאלג דורכגעפיהרט געווארען אן „ארט” חדש. די צאהל פון די „ארט” — מיטגלידער אין מערב־אייראפע האט זיך פערדאפעלט. אין משך פון יאהר

—o—

בעריהמטער אמעריקא־נער מיליאנער גולד

(ענדע פון זייט 3).

חיות, אפילו ווען זיי זאלען נישט בלוי־בען וואוינען אין פאריז, נאר א אין קומען פון צייט צו צייט אויף וויזי־טען.

אין די אריסטאקראטישע קרייזען פון אמעריקא רעדט מען איצט זעהר פיל וועגען דער דאזיגער חתונה.

די חתונה פון גולד מיט אנ'ארימער שנניידערקע האט דערפאר פערארזאכט א סענסאציע אין די „הויכע פענס־טער”.

מען איז נייגעריג צו וויסען, אויב גולד וועט מיט זיין פרוי קומען קיין אמעריקא.

און ווי וועט די „הויכע געזעלשאפט” אויפנעהמען די ערימע שניידערקע?

מען גלויבט, אז די הויכע אמעריקא־נער אריסטאקראטיע וועט פערגעסען די ליבע און די שניידערקע אויפנעהמען ווי זייערס גלייכען.

א ברירה וועלען זיי האבען? איז זי דאך די פרוי פון גולד, איינער פון די גרעסטע יחסנים אין אמעריקע.

מארגען פרעמיערע! צווייטע און לעצטע סעריע — א. ג.
„מענשען שאקאלען”

היינט לעצטער טאג! — פון דער ערשטער סעריע!
יוד, דער אייביגער וואנדערער
אנהויב 5, 7 און 9 אווענד, זונטאג און חגאות 3 א זייגער.

Kino „IMPERIAL”
זאוואדזקא 16

מעבעל־פירמע אין לאדז עמפפעהלט די גרעסטע און רייכסטע
MARKOWICZ i NASIELSKI
PIOTRKOWSKA 6 :-: Południowa 10 :פאבריק

מעבעל — דעם גרעסטען — מעבעל
און עלעגאנטעסטען אויסוואהל פון
שלאף־צימער, עס־צימער, קינדער־צימער א. א. וו.
קאמפלעטע איינריכטונגען, ווי אויך איינצעלנע שטיק מעבעל
אמביליגסטען און אויף די בעסטע בעדינגונגען

HEMOROIDY
STAN ZAPALNY-KRWAWIENIE
SWĘDZENIE

USUWA
HEMORIN-KLAWE

Obwieszczenie.

W uzupełnieniu obwieszczenia swego z dn. 29 marca 1928 roku za Nr. 1817, Dyrekcja Towarzystwa Kredytowego m. Łodzi ogłasza, że na

OGOLNE ZWYCZAJNE ZEBRANIE

członków Towarzystwa, mające się odbyć w dniu 25 kwietnia r. b. wpłynął wniosek ze strony stowarzyszonych, opatrzony 51 podpisami o zmniejszenie liczby dyrektorów do sześciu i takowy, zgodnie z § 76 Ustawy, przedstawiony zostanie pod rozpoznanie tegoż zebrania.

אבאציא (איטאליען)
PALACE HOTEL
געפינט זיך נעבען ים.
דאס שענסטע הויטעל עצרות־ארט אין איטאליע. די נייעסטע קאמפארט־איינריכטונגען. 250 צימערן, יעדער מיט פליסענדען וואסער. 100 באד־צימערן מיט וואסער פון ים. א קאמפלעטער פענסיאן פון 35 ליר אן.

Z intencji zaręczyn kuzynki naszej
Ali Margulisówny
z panem Władysławem Neumarkiem
składają najserdeczniejsze życzenia
Sala, Bluma i Mietek Rappaport.

Dyrekcja Kolei Elektrycznej Łódzkiej,
SP. AKC.

zawiadamia niniejszym pp. Akcjonarjuszów, że z dniem 20 kwietnia 1928 r. wydawane będą pp. Akcjonarjuszom bilety bezpłatne na przejazd tramwajami na nowy okres od 1 maja 1928 r. do 30 kwietnia 1929 roku.

Wydawnictwo biletów odbywać się będzie w biurze Zarządu przy ulicy Tramwajowej Nr. 6 w godzinach od 7 do 12½, i od 15 do 17 (w soboty od 9 do 12½,) za okazaniem oryginalnych akcyj lub kwitów depozytowych, przyczem na każde 50 akcyj wydany będzie bilet. Bilety, wydane na okres bieżący a znajdujące się w posiadaniu pp. Akcjonarjuszów, po dniu 30 kwietnia r. b. będą nieważne.

זונטאג, ד. 22. אפריל ה. י. 4 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין לאקאל פון „מאז”, (אנדזשעיא 1)
די אלגעמיינע פערזאמלונג
פון פעראיינס־מיטגלידער.
טאג־ארדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואהלען פון א פרעזידענט, 3) לע־זונג און בעשטעטיגונג פון פראטאקאל פון דער פריהערדיגער אלגעמיינער פערזאמלונג, 4) אלגעמיינער בעריכט פון דער פערוואלטונג, 5) קאסע־בעריכט פאר'ן יאהר 1927 און איבערלייענען פון פראטאקאל פון דער רעוויזיאנס־קאמיסיע, 6) בעריכטען פון די בעזונדערע סעקציעס, 7) בע־שטעטיגונג פון בודזשעט־פרעליפינאר אויפ'ן יאהר 1928, 8) וואהלען פון א פערוואלטונג, פערטרעטער און רעוויזיאנס־קאמיסיע.
בעמערקונג: אין פאל ווען ס'וועלען נישט קומען די גענויגענדע צאהל מיטגלידער, וואס איז פארגעזעהען דורכ'ן סטאטוט, ווערט די פער־זאמלונג פערקויבען אין זעלבען טאג 5 א זייגער נאכמ. און וועט זיין גילטיג בי יעדער צאהל אנוועזענדע מיטגלידער.
1811

אפעהיגער יונגערמאן
מיט ערפאהרונג, רעקאמענדאציעס זוכט בעשעפטיגונג, ביי וועס עס זאל נישט זיין. צו ווענדען זיך אין אדמ. פון „לאדז. טאג.” פערזענליך בעוואוסט.

פלעצער אין באלי
ביים פשיסטאנעק פון טראמוויי לאדז־אלעקסאנדרעוו ביליג צו פערקויפען.
צו ווענדען זיך בייא חיימאוויטש, פאנסקא 13.

פאר 3 זל. א ליכט עלעקטרישע אין שטוב
קען יעדער בעקומען אויסצוצאה־לען הכנסהליך פאר יעדען פ.
פ. לעווין, קאנסטאנטינער 58,
פראנט־נעבעלד.
בעמ.: עלעקטרישע לאמפען און גאז־קאכער מיט 25% ביליגער פון אנדערע.
אינסטאלירט דורך דער לאדזשער עלעקטרא...

Miejski Kinematograf Oświatowy
Wodny Rynek, Tel. 18-26.

W piątek i dni następnych
Dla dorosłych:
„CHANG“
Dla młodzieży:
Chaplin robi karjerę i jako bokser
Dla młodz. początek seansów o g. 2 i 4 pp.
Ceny miejsc dla dor. I—70, II—60, III—30 gr.
dla młodzieży: I—25, II—20, III—10 gr.

בעקאנטמאכונג.
אין די ישיבה הקדושה „בית אברהם” פאנסקא 1 ווערט געזוכט א מלמד אויף א האלבען טאג פון 8 פריה ביז 2 נאכמ. ווער עס וויל זאלען ענטהמען זאל זיך מעלדען צו דער פערוואלטונג. אויך מאכען מיר בעקאנט, אז מען נעמט נאך אן תלמידים ביז ר"ח אייר הבע"ל.
די פערוואלטונג.

Dr. med. L. Pikielny
ניערוועז, פאלאוואלע א. האוט־קראנקהייטען
Nawrot 8, tel. 19-90
אויפנאהמע פון 7—4 אין אווענד.

מעבעל קויפט מעבעל נישט קיין מעבעל
מעבעל
בעסער איהר איבערצייגט אייך נישט אין פיין
מעבעל־געשעפט
44 גדאנסקא (דלוגא) 44
טעלעפאן 62-56
Ch. ŁAZNIK
נור בייא מיר קענט איהר בעקומען פערשידענע מעבעל שעהן גוט און ביליג
בעמערקונג: אויך קויף איך פערשידענע מעבעל דיוואנעס, פילצען, אנציגער, נייטמאשינ ז. סא־מאוואראן א. א. ו. איך צאהל די היכסטע פרייזען. קומט און איבערצייגט אייך.

לאמפען
פיר שפייזע־צימער סאלאן־סאפינעט
שלאף־צימער
קויפט זיך אמביליגסטען און פאבריקס־לאגער ביי

Sz. P. Szmalewicz
פאלודניאווא 8, טעל. 64-39.
הערען אנגענומען רעפאראטורען אומארבייטונגען, עקספידירען.

חיכטיג פאר דאמען!
מאכט אייך די שענסטע דאמען־מיטע ... פון
נייעסטע פאריזער מאדעל
די שענסטע מיט ...
... אויף בעשטעליג
... 96 זאוואדזקא 96
אין הויף, 2־טען שטאק, לינקס פארטער.
2.50 זל.

ארגענטליכע און פעהיגע
ויגלער
ווערען פון באלד געזוכט.
זיך צו מעלדען פון 9—10 פריה, און פון 4—2 נ. קאנסטאנטינער 49, וואוינונג 7.
1814

אבאנעמענטס־פרייז: מיט ... 5 זלאטי, 3 זלאטי ... אין פראווינץ מיט ... 20 גר. ... פרייז פון אנאנסען: ... 10 גר. ... 24 גר. ... 60 גר. ... 12 גר. ... פערזענליך 100% ... 50% ...